האָנד צו געשיקט אַ מענשין, זיין נאָמען איז הערר'ן יצחק ב"ר נתן, און ער האָט זיך איינגעשטעלט און האָט בעוויליגט צו גיין מיט מיין בריף צום הערר'ן קעניג, און איך האָב אים גיגעבען גוטע באַצאָלונג, זילבער, גאָלד, אויף זיינע הוצאות רייזע-קאָסטען, און פאַר זיינע משרתים צו צוגרייטען יעדער זאַך וואָס מ'בעדאַרף אין וועג, און האָב אויך געשיקט אַ שענע מתנה צום מלך פון קוסטאנטינא, און האָב אים געבעטין ער זאָל העלפין מיין שליח מיט אַלע זיינע באַדערפענעש, ביז וואַנען ער וועט קומען צו דעם אָרט וואו מיין הער רוהט, איז מיין שליח געגאַנגען קיין קוסטאנטינא, און האָט זיך גישטעלט פאַר'ן מלך, און האָב אים גיגעבען מיין בריף און די מתנה, ער האָט בכבוד געהאַלטען מיין שליח 6 חדשים, צו זאַמען מיט די שלוחים פון מיין הערר'ן קעניג פון קורטובה, איין טאָג האָט ער צו זיי געזאָגט, זיי זאָלען זיך אומקערין אַהיים, און מיין שליח האָט ער אויך געזאָגט, אַז דער וועג וואָס צווישען איהם, און די כוזרים, איז ניט קיין באַוואָרנטער, וואָרום די אומות וואָס וואוינען אָפ'ן וועג, קריגען זיך, עס איז אַ סכנה צו רייזין, און מיט'ן ים קען מען אויך ניט, וואָרום עס איז גרויסע שטורימס, און מענשען פאָרען דורך נאָר זעלטין אין אַ געוויסע צייט, דער הערענדיג אָט די שלעכטע זאַך, האָט מיך טויטליך פאַרדראָסען, און עס האָט מיר שטאַרק באַנק געטוהן, וואָס עס איז ניט געטאָהן געוואָרען מיין ווילען. און דערנאָך האָב איך געוואָלט שיקען מיין בריף צום הערר'ן קעניג, דורך דער הייליגער שטאָדט ירושלים, עס האָבען מיר צו געזאָגט 2 יודישע מענשין, צו פיהרען מיין בריף קיין נציבין, און פון דאָרטען קיין ארמניא, און פון אַרמניא קיין ברעדה, און פון דאָרטען צו אייער לאַנד, אָבער איידער איך האָב גיענדיגט מיין טראַכטען אין הארצען, ערשט עס איז געקימען שלוחים פון מלך פון גבלים, אין מיט זיי 2 יודישע מענשין, איינער הייסט מיט'ן נאָמען הער שאול, און דער אַנדערער הער יוסף, און אַז זיי האָבען דער הערט מיין אומרוהיגקייט, האָבען זיי מיך געטרייסט, און האָבען מיר געזאָגט גיב אונז דיין בריף, מיר וועלין אים דאַלאַנגען דעם מלך פון גבלים, און צו ליב דיין בכבוד וועט ער שיקען דיין בריף צו די יודען וואָס

זיצין

זיצען אין אונגרן לאַנד, און זיי װעלין אים
שיקען קיין רוס, און פֿון דאָרטען קיין
בלגר, ביז װאַנען דיין בריף װעט קומען
צום אָרט אַזוי װי די װילסט.

דער גאָט װאָס פּרוּבירט די הערצער
און פֿאָרשט די נירען, װייס אַז איך האָב
דאָס ניט געטאָהן צו ליב מיין כבוד װעגין,
נאָהר צו פֿאָרשטעהן און צו װיסען דעם
אמת, צו עס איז דאָ אַנ-אָרט מיט אַ מלוכה
צו די גלות יודען, װאו קיין פֿרעמדע
גיװעלטיגען ניט אויף זיי, איך זאָל װיסען
אַז דאָס איז ריכטיג, װאָלט איך פֿאַר
מיאָס'ט מיין כבוד װאָס איך האָב דאָ, און
װאָלט פֿאַרלאָזט מיין גרויסקייט, מיט מיין
משפחה, און װאָלט געגאַנגען פֿון באַרג צו
טאָהל, אין ים און יבשה, ביז װאַנען איך
װאָלט געקומען צו דעם אָרט װאו דער
הערר'ן קעניג רוהט, דאָרט צו זעהן זיין
גרויסקייט, זיין כבוד, דעם זיצונג פֿון זיינע
קנעכט, די בעשטאַנד פֿון זיינע משרתים,
די רוהיגנג פֿון די איבערגעבליבענע יודען,
און זעהען די טייערע שענע גרויסקייט,
װעט ליכטיג װערין מיינע אויגען, און דער
פֿרייד מיינע נירען, מיינע ליפען װעלין
רעדען לויב צו גאָט, װאָס ער האָט ניט
פֿאַרלאָזט זיין חסד פֿון זיין אָרימע פֿאָלק.

יעצט אויב דעם מלך געפֿעלט, און
אויב ער זעהט אין דעם געלוסטען פֿון זיין
קנעכט. זאָל זיין טייער מיין זעלע אין זיינע
אויגען, און ער זאָל אָנזאָגען די שרייבער
װאָס שטייען פֿאַר איהם, צו שרייבען זיין
קנעכט אַנ-ענטפֿער פֿון װייטען לאַנד, געבין מיר צו װיסען, דאָס װאָרצעל פֿון
דער זאַך, פֿון דעם פֿונדאַמענט פֿון דער גאַנצער היסטאָריע, װי אַזוי האָבען זיך געטראָפֿען
אָט די יודען אין דעם דאָזיגען לאַנד, אונזערע עלטערין האָבען אונז דער ציילט, אַז
אַייער ערשטער זיצונג איז געװען דאָס אָרט װאו עס װערט אָנגערופֿען הר שעיר,
אָבער מיין האַר װייס אַז דער באַרג שעיר איז װייט פֿון דעם אָרט װאו ער רוהט,
אונזערע אַלטע לייט זאָגען אַז זיי זענען געװעזען אין הר שעיר, נאָר עס איז געװען גזירות
פֿון איין אומגליק ביז'ן 2-טען, ביז װאַנען זיי האָבען זיך באַזעצט אין דער יעצטיגער
לאַנד, אויך האָבען אונז געזאָגט די אַלטע פֿון פֿריערדיגען דור, דאָס צו ליב זייערע פֿעלשיך
האָבען זיי געהאַט אויף זיך גזירות, זענען אויף זיי אויף געשטאַנען דאָס חיל פֿון די כשדים
מיט גרויס צאָרען, האָבען זיי באַהאַלט'ן אין (אַ מערה) הייל, זייערע ספרי תורות, און
אַלע הייליגע שריפֿט, און צו ליב דעם דאַבנן זיי אין אַ הייל, און צו ליב די ספרים האָבען
זיי

הבוחן לבות והחוקר כליות יודע,
כי לא עשיתי זאת לכבודי, כי אם לדרוש
ולדעת האמת, אם יש מקום שיש ניר
וממלכת לגלות ישראל, ואין רודים בהם,
ולא מושלים עליהם, ואלו ידעתי כי נכון
הדבר הזה, היתי מואס בכבודי, ועוזב
גדולתי, ונוטש משפחתי, והיתי הולך מהר
אל המקום אשר אדוני המלך חונה שם,
לראות גדולתו וכבוד מעלתו, ומושב עבדיו
ומעמד משרתיו, ומנוחת פליטת ישראל,
ובראותי את יקר תפארת גדולתו תאורנה
עיני ותעלוזנה כליותי, תבענה שפתי תהלה
אשר לא עזב חסדו מעם עניו,

ועתה אם על המלך טוב, ואם יראה
במאויי עבדו, תיקר נא נפשי בעיניו, ויצוה
את הסופרים העומדים לפניו, לכתוב אל
עבדו תשובה הנוטה אלי מארץ מרחקים,
וידיעני שורש הדבר ויסוד כל המעשה.
איך היתה נפילת ישראל במקום ההוא,
ואבותינו ספרו לנו כי בתחלת שבתם היה
שם המקום נקרא הר שעיר, ואדוני יודע כי
הר שעיר רחוק מן המקום אשר הוא חונה
שם, וזקנינו אומרים כי מכבר נקרא הר
שעיר, אבל נתגלגלו הגזירות ויצאו מרעה
אל רעה, עד אשר נאחזו בארץ אשר הם
יושבים עליה, וגם אמרו לנו ישישי הדור
קדמוני, האמנם כי על מעלם נגזרה שמד;
ויעמוד חיל כשדים באף ובחמה ויגנזו
במערה ספרי התורה וכתבי הקדש, ועל זאת
מתפללים במערה, ובשביל הספרים למדו
את

את בניהם להתפלל במערה ערב ובקר, עד אשר משכו העתים, וברוב הימים שכחו ולא ידעו אודות המערה על מה נהגו להתפלל בתוכה, אבל נהגו מנהג אבותם ולא ידעו על מה, ולקץ ימים קם איש ישראל ויבקש לדעת על מה, ויבא אל המערה, וימצאה מלאה ספרים, ויוציאם משם, ומן היום ההוא והלאה שמו ביניהם ללמוד התורה, ככה ספרו לנו אבותינו, כאשר שמעו הקדמונים שומע מפי שומע והדברים עתיקים, ואותן שני אנשים אשר מארץ הגבלים מר שאול ומר יוסף אשר ערבו לי להוליך אגרת אל אדוני המלך, אמרו לי כי היום כמו שש שנים בא אלינו איש ישראלי סגי נהר איש חכם ונבון ושמו מר עמרם ואמר כי הוא מארץ אלכזר, והיה בבית אדוני המלך ומאוכלי שלחנו ונכבד אצלו, וכשמעי שלחתי אחריו מלאכים להביאו אלי ולא השיגוהו, גם בזה אמצה תקותי וחזקה תוחלתי.

ועתה הנה חקותי האגרת הזאת לאדוני המלך, וחנותי למולו, שלא תכבד עליו שאלתי, ויצוה להודיע את עבדו כל הדברים האלה, וכל עניני ארצו, ומאיזה שבט הוא, ומה דרך המלכות איך ינחלו המלכים כסא כבוד המלכים. המשבט ידוע אם ממשפחה הראוי למלוך, ואם מלך בן מלך. באשר הוא מנהג אבותינו בהיותם שוכנים בארצם? ויודיעני אדוני המלך כמה מהלך ארצו, ארכה ורחבה, ערי חומה וערי פרזות, ואם הוא משקה או גשומה, ועד אן פגע ממשלתו מספר חייליו גדודיו ושריו, ואל יחר לאדוני המלך בשאלי מספר גדודיו, יוסף ה׳ עליהם

כהם

זיי געוואיינט זייערע קינדער צו דאַבנן אין אַ הייל, אין אָוועַנד, און אין פריה־מאָרגען, ביז עס האָט זיך אַזוי אַ וועק געצויגען אַצייט, און עס איז פאַרגעסען געוואָרען, און האָבען ניט געוואוסט וועגין דער מערה פאַר וואָס זענען זיי זיך נוהג צו דאַבנן אין אַ מערה, זיי האָבען מעהר ניט געוואוסט נאָר אַז דאָס איז אַ מנהג פון זייערע עלטערין, אין אַצייט אַרום איז געקומען אַ יוד און האָט געוואָלט וויסען וואָס דאָס באַדייט, איז ער אַריין אין דער מערה, און האָט געפונען אַנ־אָרט וואו עס איז באַהאַלטען פיל ספרים, און האָט זיי פון דאָרט אַרויס גענומען, און פון יענער צייט אָן האָבען זיי אָנגעהויבען לערנען די תורה, אַזוי דערציילען אונז אונזערע עלטערין, וואָס זיי האָבען גיהערט פון זייערע עלטערין, הערער פון הערעד, פון אַלטע צייטען, אין די צוויי מענשין פון גבלים לאַנד, הערר׳ן שאול, אין הערר׳ן יוסף, וואָס זיי האָבען מיר פאַר זיכערט צו פיהרען מיין בריף צום הער׳ן קעניג האָבען מיר געזאָגט, אַז היינט איז אַנ־ערך פון 6 יאָהר, איז צו זיי געקומען אַ יוד (אַסגינהר) בלינדער, אַמענש אַ קלוגער, און אַ פאַרשטענדיגער, זיין נאָמען איז הער׳ן עמרם, און האָט געזאָגט אַז ער איז פון כוזר־לאַנד, און ער איז געוועען אין הויז פון הער׳ן קעניג, פון די וואָס עסען ביי זיין טיש, און זייער גיערליכט ביי אים, אַז איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך געשיקט שלוחים צו ברענגען אים צו מיר, אָבער מ׳האָט אים שוין ניט געפונען, דאָס דאָזיגע האָט אויך פאַרשטאַרקט מיין האָפענונג.

יעצט האָב איך פאָרגרייט מיין בריף צום הער׳ן קעניג, און איך בעט עס זאָל אים ניט שווער זיין מיין גיבעט, און זאָל אָנזאָגען צו מודיע זיין זיין קנעכט פון אַלס וועגין זיין לאַנד, און פון וואָס פאַר אַ שבט ער איז, און ווי. אַזוי פיהרט זיך זיין מלוכה, ווי אַזוי ווערט איבערגיגעבען די מלוכה, צו פון אַ געוויסען שבט, אָדער אַ משפחה. וואָס זי קען קעניגען, אָדער נאָר אַ זון פון אַ מלך, אַזוי ווי עס האָט זיך געפירט ביי אונזערע עלטערין, אַז זיי זענען גיזעסען אין זייער לאַנד, און צו מודיע זיין וויפיעל איז דער מהלך פון זיין לאַנד, און די צאָהל פון זיינע מיליטער, וויפיל פאָלקען, וויפיל איבער הארען, און זאָל ניט זיין פאַרדאָסיג מיין הערר קעניג, וואָס איך פרעג אויף דער צאָל פון זיינע מיליטער,

לצו

לאז גאט זיי פארמערין וויפיל מאהל אזוי פיל, און די אויגען פון קעניג זאלען זעהן. איך האב דאס געפרעגט, נאר כדי איך זאל זיך פרייען מיט די טויזענדער פון דעם הייליגען פאלק, און דער הערר קעניג זאל מיר מודיע זיין, איבער וויפיעל מדינות ער געוועלטיגט, און וויפיעל מס ווערט אים גיגעבען. צו גיט מען מעשר? און צו דער קעניג רוהט שטענדיג אין א געוויסער מלוכה שטאט, אדער ער רייזט ארום זיינע גרענעצין פון זיין ממשלה אין די נאהנטע אינזלען, צו ווערען פון זיינע פעלקער יודען? צו ער אליין משפט זיין פאלק, אדער ער שטעלט זיי אוועק (שופטים) ריכטער? און ווי איז דער מנהג אין דעם גאטס הויז (בית התפלה), מיט וועלכע אומה פיהרט ער מלחמה? און ווי איז די נאמען פון די שטעט וואס זענען צו זיין מלוכה פון הרסאן און פון ברעדה און באב־אלא־באב, און דער מנהג פון די סוחרים וואס קומען אין זיין לאנד? און צו מודיע זיין וויפיעל מלכים האבען געקיניגט פאר אים, זייערע נאהמען, און וויפיעל יאהר האט יעדערער געקעניגט, און אויף וועלכע שפראך ווערט גערעדט? אין אונזערע עלטערונס צייטען, איז געקומען צו אונז א יוד, א פארשטענדיגער וואס האט זיך מיחס געווען צום שבט דן, ביז דן בן יעקב, און האט גערעדט מיט א לויטערע שפראך, לשון הקדש, און קיין שום זאך איז ניט געווען פון אים פארהוילען. נאך א וואונדערליכע זאך באגער איך פון מיין הערר, מודיע זיין צו עס איז פאראן ביי אייך א חשבון א (זכר) אנדיינק צום וואונדערליכען קץ ד"ה אויף משיח'ן, וואס מיר האפען שוין וויפיעל יאהר, און מיר גייען פון איין גלות צום צווייטען, און וואס פאר א כח ליגט אין דעם האפענונג, דער האפפער זאל זיך איינהאלטען; ד"ה לעבען מיט דער האפענונג ווי אזוי קען מען לעבען אין האפענונג און שווייגען, אז אונזער שענער בית המקדש איז חרב געווארען, און די אנטרונענע פון שווערד זענען געקומען אין פייער און אין וואסער, מיר זענען געבליבען פון א סך ווינציג, מיר זענען אראב געניררעט געווארען פון אונזער כבוד, מיר זיצען אין גלות מיר האבען קיין קראפט אין אונזער האנד, מ'זאגט אונז אלע טאג יעדער פאלק האט א מלוכה
אין

כהם בו' ועיני המלך ראות, ולא שאלתי השאלה הזאת, כי אם למען אעלוז. ברבבות עם הקודש, ויודיעני המלך מספר המדינות אשר הוא רודה בהם, ומספר המס אשר ישיבו לו אם יתנו לו מעשר, ואם אדוני חונה תמיד בעיר ממלכה ידועה, או אם הוא יסוב את כל גבול ממשלתו, ואם האיים הקרובים אליו אם מהם מתיהדים ואם ישפוט את עמו לבדו, או אם יקים להם שופטים, ואיך עלותו בית ה', ועם איזה אומה יערך קרב? ועל מי ילחום, ואם המלחמה דוחה את השבת, ומי הממלכות והגוים אשר סביבותיו, ומה שמם ומה ארצם, ומה שם הערים הקרובות אל ממלכתו מן הרסאן; ומן ברעדה; ודאב; אלאביאב; ומנהג הליכות הסוחרים ההולכות אל מחוז אדוני המלך, ויודיעני כמה מלכים מלכו לפניו ומה שמם, וכמה מלך כל אחד מהם, ובאיזה לשון אתם מדברים, ובימי אבותנו נפל אצלינו איש ישראל נבון דבר. היה מתיחס בשבט דן, עד שמגיע לדן בן יעקב, והיה מדבר בצחות, וקורא שמות לכל דבר בלשון הקדש, וכל דבר לא נעלם ממנו, ובעמדו לדרוש בהלכה כך היה אומר, עתנואל בן קנז קבל מפי יהושע מפי משה מפי הגבורה, עוד בקשתי הפליאה מאת אדוני המלך, להודיעני אם יש אצלכם זכר לחשבון קץ הפלאות, אשר אנו מחכים זה כמה שנים, ונצא משבי אל שבי ומגולה אל גולה, ומה גם תוחלת המצפה להתאפק על זאת, ואיככה אוכל לתת דמי על חורבן בית תפארתנו. ועל פליטת חרב אשר באו באש ובמים, אשר נשארנו מעט מהרבה, ונרד מכבוד, ונשב בגולה, ואין לאל ידנו באומרם לנו כל היום, לכל עם ועם יש מלכות. ולכם אין זכר בארץ, וכאשר
שמענו

שמעני את שמע ארוני המלך ותוקף מלכותו ורוב חייליו, ותחזקנה ידינו, ותהי ממלכת אדוני לנו לפתחון פה, ומי יתן ספות השמועה הזאת כח, כי בזה תרבה גדולתנו וברוך ה׳ אלהי ישראל אשר לא השבית לנו גואל, ולא השבית ניר וממלכת משבטי ישראל, יחי אדוננו המלך לעולם, והיתי שואל בעדו דברים אשר לא שאלתים, ולא כי יגורתי להכביד על אדוני המלך בהרבות מלים, כי לא כן דרך מלכים, ואמנם כבר הרביתי והנני מודה בזאת. ואל יאשימני אדוני, כי מרוב שיחי וכעסי דברתי עד הנה, אבל כמוני ישגה וכמהו יכלח, כי אדוני יודע כי אין עם גולה דעת, ולא עם בני שביה תושיה, ואני עבדך לא פקחתי עין כי אם בתוך גולה ודלות, על כן יש על אדוני המלך כאמתת החסד ומאורח האמת להעביר שגיוני עבדו, ובלא ספק כבר שמעת איך היו מכתבי מלכי ישראל, ומה אגרותיהם, ומה מנהג בספרי שליחותם, ואם על המלך טוב, יעביר שגגת עבדו כידו הטובה וכחסדו הגדולה, ושלום רב לאדוני המלך לו ולזרעו ולביתו ולכסאו עד עולם, ויאריך ימים על ממלכתו הוא ובניו בקרב ישראל.

וזאת תשובת יוסף המלך הכוזרי אל הנשיא רב חסדאי.

אל רב חסדאי ראש גולה בן עזרא הספרדי הנחמד אלינו והנכבד עלינו, הנה אידיעך

אין איר האט ניט קיין שום אנדענק אין דער לאנד. און דער הערענדיג פון דעם הער קעניג פון זיין שטארקע מלוכה מיט זיינע פיל מיליטער, האבען מיר זיך שטארק פאר וואונדערט, מיר האבען אויפגעהויבען דעם קאפ, עס האט זיך אבגעלעבט אונזער גייסט, עס האט זיך געשטארקט אונזערע הענד, די מלוכה פון מיין הער איז אונז געוואהרען פאר א מאייל עפענונג אז יודען האבען אויך א מלוכה, און מיר ווינשען אז דאס הערונג פון זיין מלוכה זאל זיך פאר שטארקען, מיט דער מיט וועט גימערט ווערין אונזער גרויסקייט, און געלויבט איז דער יודישער גאט, וואס ער האט ניט פארשטערט פון אונז קיין פריינד. און האט ניט פארשטערט פון אונז קיין מלוכה, פון יודישען שבט, זאל דער הער׳ן קעניג לעבען אייביג!

איך וואלט געפרעגט נאך שאלות, נאר איך האב מורא עס זאל ניט זיין צו שווער אויפ׳ן קעניג צו מערין ווערטער, אזוי איז דער שטייגער פון מלכים, מ׳דארף רעדין מיט קורצע ווערטער, נאר איך האב שוין אזוי אויך גימערט דאס בין איך מודה, אבער מיין הער זאל מיך ניט בעשולדיגען און זאל מיר מוחל זיין, ווארום מיין הער ווייס אז א פארטריבענעם גלות פאלק, האט ווייניג (דעת) וויסענשאפט, און ניט מיט געפאנגענע איז לערנונג, און איך דיין קנעכט האב ניט געפונט די אויגען נאר אין גלות און אין ארימקייט, דערפאר ליגט אויף מיין האר דער אמת׳ר חסד. און דער אמת׳ר וועג, אראב צו נעמען דאס אומשולד פון זיין קנעכט, און אן צווייפעל (ספק) האט ער שוין לאנג געהערט ווי אזוי די יודישע מלכים פלעגען שרייבען זייערע בריף, און ווי אזוי דער מנהג איז געוועזן מיט זייערע געשיקטע בריף, אויב דעם מלך געפעלט זאל ער אראב נעמען דאס אומגעהרין (שגיאה) פון זיין קנעכט, אזוי ווי זיין גוט האנד גרייכט און זיין גרויסען חסד, און פיל פרידען צום הער׳ן קעניג און צו זיין הויזגעזונד, און צו זיין שטול, ביז אייביג, מיט לאנגע טעג אויף זיין מלוכה, ער און זיינע קינדער צווישען יודען.

דאס ענטפער בריף פון יוסף מלך הכוזרי צום נשיא רבי חסדאי.

צו רב חסדאי הער ראש גולה, בן יצחק בן עזרא הספרדי, דער געליבטיגער צו אונז

אונז, און דער נעערליכטער אויף אונז, איך מעלד דיר אז ס'געקומען צו אונז דיין געערליכטער בריף, דורך ר' יעקב בן אליעזר פון דער לאנד נמץ, מיר האבען זיך מיט אים געפריידט, און געפריידט אויף דיין פערשטאנד און דיין חכמה, און האב געפונען אין דיין בריף וואו דיין לאנד איז, און ווען ניט די שלוחים פון קוסטאנטינא וואלטען איך דערציילט וועגען אונזערע מלוכה, און אונזערע געזעצין (זאקאנעס), וואלטען זיי ניט געגלויבט, און א מאהליגע צייטען וואלט מען דאס גאר אבגעלייקענט, דוא האסט געבעטין צו מעלדין דיר דעם אמת פון אונזער מלוכה, און אונזער יחס, און ווי אזוי זענען אונזערע עלטערין אריין אין יודישע דינים, און גאט האט דער לויכטען אונזערע אויגען, און צובראכען אונזערע איפשטייער, נאך האסט דו געבעטען צו מעלדען דיר, דאס גרויס פון אונזער לאנד, און די פעלקער וואס ארום אונז. וועלכע זענען שלום מיט אונז, און וועלכע האלטען מלחמה מיט אונז, און צו ס'איז מעגלאך עס זאל קומען אונזער שליח (קאנסול) אין אייער לאנד, צו בעטין אייער טהייערין מלך וואס ער האט צו געצויגען די הערצער צו ליעבען אים דורך זיינע גוטע וועגין, מיט זיינע רעכטפארטיגע ווירקונג, ווייל די אומות זאגען אז די יודען האבען ניט קיין איבער־בלייבונג, פון זייערס, און קיין ארט און קיין ממשלה און מלוכה, כדי די יודען זאלען פון דעם הנאה האבען, זייער הארץ זאל דערהויבען ווערען, צו האבען אן־ענטפער אויף זייער צונג, און א לויבונג קעגען די זעלביגע וואס זאגען אז יודען האבען ניט קיין שום

אודיעך שבא אלינו כתבך המכובד על יד ר' יעקב בן אליעזר מארץ נמץ, ושמחנו בו וששנו על בינתך וחכמתך ואמצא כתוב במכתבך מקום ארצך ארכה ורחבה ויחוס עבד־אל־רחמן, ועזרת האל לו עד כבישתו מדינת מזרח, עד שנשמע עוצם מלכותו בכל הארץ. ופחדו על המלכים, גם הודעתנו כי לא שמעתם אודותנו אלולא שלוחי קוסטאנטינא לבא בבושרות, ויספרו לכם מלכותנו ודינינו, לפי שהייתם מכזבים אותו לפנים, ולא הייתם מאמינים בו, ובקשת להודיעך אמתת הדברים מלכותנו ויחוסנו, ואיך נכנסו אבותינו בדין ישראל, והאיר האל עינינו ושבר קמינו, עוד בקשת לדעת מדת ארצנו ארכה ורחבה והגוים אשר סביבותינו, והמשלימים אתנו, והנלחמים עלינו, ואם יתכן לבוא שלוחנו אל ארצכם ולחלות פני מלככם היקר והנעים, שהמשיך לבבות לאהבתו בטוב דרכיו, והביאם באהבתו ויושר מפעלותיו, לפי שהאומות אומרים לכם כי אין לישראל מקום ממשלה ומלוכה שהיו ישראל נהגים בדבר הזה, והיה להם להרמת לב ומענה לשון, ושבח ותהלה בעיני האומרים להם, כי אין לישראל שארית ולא מקום ממשלה וממלכה, ואנחנו משיבים תשובתך על כל דבר ודבר, עם השאלה ששאלת בכתבך תשובת הששים בך והשמחים בחכמתך, אשר זכרת מארצך, ויחוס המולך עליה כבר נגע אלינו, וכבר היה לעיני אבותינו אגרות דרישות שלום, והדבר הזה הוא שמור בספרינו, ידוע לכל זקני ארצנו, ונקדש מה שנקדש בעיני אבותינו, ונשים אותו ירושה לבנינו,

שאלת

אנדיינק פון א מלוכה, צו ליב דעם אליין גיבען מיר דיר ענטפער אויף אלע דיינע (שאלת) פראגעס, וואס דו האסט געפרעגט אין דיין בריף, אן־ענטפער פון פרייד וועגין דיר, און וועגין דיין חכמה, דאס וואס די דערמאנסט וועגין דיין לאנד, און וועגין דיין יחס פון מלך וואס קעניגט, אויף איר, דאס האט שוין לאנג אונז בארירט, און שוין לאנג איז געוועז צווישען אונזערע עלטערין פריינד־ליכע בריף, דאס איז פארשריבען אין אונזערע (ספרים) ביכער, וואס עס איז ידוע צו אלע אלטע לייט פון אונזער לאנד, און דאס וואס א מאהל איז געוועזין וועלין מיר יעצט בעניטען, און וועלין דאס מאכען פאר א ירושה צו אונזערע קינדער,

די

שאלת בבתבך מאיזה אומה ומאיזה משפחה ומאיזה שבט אנחנו ?.
דע, כי אנחנו מבני יפת ובני תוגרמה בנו, ומצינו בספרי יחוסים של אבותינו שהיה לתוגרמה עשרה בנים, ואלה שמותם הראשון אגיור; תירוש, אוור, אוגין, ביזל תרנא, כזר, זנור בלגור, באייר, אנו מבני כזר הוא השביעי כתיב אצלי שבימיו היו אבותי מתי מספר, והקב"ה נתן להם כח וגבורה, ועשו מלחמה עם גוים רבים, ועצומים מהם, ובעזר האל גרשום ויירשו ארצם ויברחו וירדפו אחריהם עד העבירם הנהר הגדול ששמו דונא, עד היום הזה חונים על נהר דונא, וקרובים לקוסטאנטינא, ויירשו כזריים את ארצם, ואח"כ עברו דורות עד שעמד מלך אחד מהם ושמו בולאן, היה איש חכם וירא אלהים, בוטח בו בכל לבו, ויסר את הקוסמים ואת עובדי ע"ז מן הארץ, וחוסה בצל כנפיו, ונראה לו מלאך בחלום ואמר לו בולאן! ה' שלחני אליך לאמר; שמעתי את תפלתך ותחנתך, הנה ברכתיך והרבותיך, ואקיים מלכותך עד סוף הדורות, ואמסיר את אויביך בידיך, ואתה עמוד בבקר והתפלל לפני ה' וכן עשה, וירא אליו שנית ויאמר לו, ראיתי את מעשיך, וידעתי כי תלך אחרי בכל לבך, ואנכי חפץ לתת לך מצות חק ומשפט, ואם תשמור מצותי ומשפטי אברכך וארבך, ויען ויאמר למלאך הדובר אליו, אתה ידעת אדוני מחשבות לבי וחקרת כליותי, שלא
שמתי

דו האָסט געפרעגט אין דיין בריף פֿון וואָס פֿאַר אַנ=אומה און משפחה און שבט מיר זענען ?.
זיי וויסען, אַז מיר זענען פֿון די קינדער פֿון יפת; קינדער פֿון תוגרמה, און מיר האָבען געפונען אין די יחס בריף פֿון אונזערע עלטערין, אַז תוגרמה האָט געהאַט זיהן, און דאָס זענען זייערע נאָהמען, דער ערשטער אַגיור; תירוש, אויר, אוגין, ביזל, תרנא, כזר, זנור, בלגר סאויר, און מיר זענען פֿון כוזר'ס קינדער דער 7=טער, עס איז געשריבען ביי אים אַז אין זיינע צייטען זענען די עלטערין געוועזען מיט ווייניג מענשין, און גאָט האָט זיי געגעבין כח און גבורה, און האָבען מלחמה געהאַלטען מיט אַ סאַך פֿעלקער שטאַרקערע פֿון זיי, און מיט דער הילף פֿון גאָט האָבען זיי זיי פֿאַרטריבען, און האָבען ג'ירש'ת זייער לאַנד, און נאָך געיאָגט די וואָס זענען אַנטלאָפֿען, ביז וואַנען זיי זענען אַריבער דעם טייך דונא, און ביז היינטיגען טאָג וואוינען זיי נעבין טייך דונא, און זענען נאָהנט צו קאַסטאַנטינא, נאָך דעם איז אַריבער וויפֿיעל דורות ביז וואַנען עס איז אויפֿגעשטאַנען אַ מלך מיט'ן נאָמען בולאן, ער איז געוועזען אַ חכם און אַ גאָטס פֿאָרכטיגער, מיט זיין גאַנצען האַרצען איז ער געוועזען פֿאַרזיכערט אין גאָט, און ער האָט אָבגעטאָהן די (קוסמים) כלדונער, און געצענדינער, פֿון דער לאַנד, און האָט זיך בעשיצט אין דעם שאָטן פֿון גאָטס פֿליגעל און ס'האָט זיך בעוויזען צו אים אַ מלאך אין חלום און האָט אים געזאָגט, בולאן! גאָט האָט מיך געשיקט צו דיר, אַזוי צו זאָגען, איך האָב געהערט דיין תפלה און דיין (תחנה) גיבעט, איך האָב דיך געבענטשט און איך האָב דיר גימערט, און וועל אויפֿהאַלטען דיין מלוכה ביז'ן סוף אַלע דורות, און איך וועל איבער ענטפֿערין דיינע פֿיינד אין דיין האַנד, און דו שטיי אויף אַלע אינדערפֿריה און זיי מתפלל פֿאַר מיר, און אַזוי האָט ער געטוהן, האָט זיך צו אים באַוויזען אַ צווייטען מאָהל אַ מלאך און האָט אַזוי געזאָגט, איך האָב געזעהן דיינע וועגין, און עס איז מיר בעוויליגט דיינע מעשים, און איך ווייס אַז דו וועסט גיין נאָך מיר מיט'ן גאַנצען האַרצען. און איך וועל דיר געבין מצות חוקים ומשפטים, און אויב דו וועסט היטען מיינע מצות און מיינע משפטים וועל איך דיך בענשען, און וועל דיך פֿאַרמעהרין, האָט ער געענטפֿערט צום מלאך וואָס האָט גערעדט צו אים, דו ווייסט וואויל מיין האַר מיינע (מחשבות) געדאַנקען פֿון האַרצען, און דו האָסט אויסגעפֿאָרשט מיינע נירען, אַז איך טוה ניט
מיט

מיט מיין פערזינבערונג, נאר אין דיר איז מיין פערזיכערונג, אבער דאס פאלק וואס איך קענניג אויף זיי, ווייס איך ניט צו וועלין זיי מיר גלויבען, אויב נאר איך האב געפונען חן אין דיינע אויגען, אויב אויף מיר איז ארויפגעקייקעלט דיין רחמנות, באוויז זיך אויך צו יענעם גרויסען שר און ער וועט מיר דערויף העלפען, און גאט האט געטאהן ווי זיין ווילען איז געוועזען, און האט זיך באוויזען צו דעם דאזיגען שר אין חלום, און ער האט דער־ציילט דעם חלום צום מלכות, און דער מלך האט צונויפגעקליבען אלע זיינע שרים און קנעכט און דאס גאנצע פאלק, און האט זיי געזאגט די דאזיגע רייד, איז זיי וואויל געפעלין געווארען די זאך, האבען זיי אויף זיך מקבל געוועזען דעם דין, און זענען אריין אונטער די פליגעל (שכינה) פון גאט, האט זיך ווייטער באוויזען צו אים א מלאך פון גאט און האט צו אים געזאגט יא, די אלע הימלען און אריבער די הימלען גרייכט ניט מיין ארט דאך! דו בוי א שטוב פון מיינעטוועגין, האט ער אים געענטפערט רבונו של עולם דו האר פון דער וועלט, איך שעם מיך זייער פאר דיר, איך האב ניט קיין זילבער, קיין גאלד, צו מאכען אזוי ווי מ׳בדארף, און אזוי ווי איך וויל, האט דער מלאך צו אים געזאגט, שטארק זיך און פעסטיג זיך, נעם מיט דיין גאנצען היל, און שטיי אויף און גיי אין לאנד רודלאס, און אין לאנד ארדול, איך

שמתי בטחוני אלא בך, אבל העם שאני מולך עליו הם כופרים, לא אדע אם יאמינו בי, אם נא מצאתי חן בעיניך, ואם עלי יתגלגלו רחמיך, הראה לפלוני השר הגדול שלהם, והוא יעזרני על זאת, והקב״ה עשה כרצונו, וירא לשר ההוא בחלום, וכאשר השכים בבקר ויגד למלך, והמלך קבץ כל שריו ועבדיו ואת כל עמו, ויגד להם את כל הדברים האלה, וייטב בעיניהם הדבר, וקבלו עליהם את הדין, ונכנסו תחת כנפי השכינה, וירא אליו המלאך עוד ויאמר אליו הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוני, ואתה בונה בית לשמי, ויען ויאמר רבש״ע! מאד אני מתבייש לפניך. שאין לי כסף וזהב לעשות כמו שיתכן כאשר ברצוני, אמר לו חזק ואמץ, קח עמך כל חיילך, וקום לך אל ארץ רולדאן, ואל ארץ ארדיל, הנה נתתי פחדך ואימתך בלבם, ומסרתים בידך, והנה זמנתי לך שני אוצרות, אחד של כסף ואחד של זהב, ואני אהיה עמך, ושמרתיך בכל אשר תלך, ותקח את הממון ותבא בשלום ותבנה בית לשמי, והוא האמין בו ויעש כאשר צוהו, וילחם והחרים המדינה, ושב בשלום והקדיש הממון, ובנה ממנו אהל וארון ומנורה ושלחן ומזבחות וכלי הקדש, עד היום הזה הם שמורים וקיימים, אח״כ הלך שמעו בכל הארץ, ושמע מלך פרס ומלך הישמעאלים ושלחו להם מלאכיהם בממון גדול ובמנחות רבות, עם חכמיהם להטותו אל דיניהם, והמלך היה הכם. ויצו

להביא

האב געגעבין דיין שרעק און דיין פארכט אין זייער הארצען און האב זיי איבער־געענפערט אין דיין האנד, און האב דיר אויך צו געגרייט 2 אוצרות, איינעם פון זילבער, און איינעם פון גאלד, און איך וועל זיין מיט דיר, און וועל דיך היטען וואו דו וועסט גיין, און דו וועסט נעמען דאס געלד און וועסט קומען בשלום, און וועסט בויען א הויז פון מיינטוועגין, און ער האט געגלויבט און האט געטוהן אזוי ווי מ׳האט אים אנגעזאגט, און האט מלחמה געהאלטען און פאר וויסט די מדינה, און האט זיך אומגעקערט בשלום, און האט געבויעט אן־אהל און אן־ארון, און א מנורה, און אשלחן, און מזבחות, און הייליגע כלים, ביז הייניטיגען טאג ועגען זיי געהיט אין מיין האנד און זענען גאנץ, און דער גאך איז זיין נאמען געהערט געווארען אין דער גאנצער לאנד, עס האט דערהערט דער מלך פון פרס, פון ישמעאלים; און האבען צו אים געשיקט זייערע שלוחים (קאנזאלען) מיט פיל געלד, מיט א סך מתנות, מיט זייערע חכמים, צו נייגען אים צו זייערע דיני

דת

להביא חכם מישמעאל ופרס , וחקר ושאל היטב , ושם אותם יחדיו לברר בדיניהם , והיו שוברים אחד את דברי חבירו , ולא היו מסכימים אל דבר אחד , כשראה המלך כן, אמר אל חכם של מלך פרס ואל הישמעאלי לכו אל אהליכם. ועד יום השלישי אני אשלח בעדכם ותבאו אלי , ולמחר שלח המלך בשביל החכם הפרסי . ואמר לו אני יודע כי מלך פרס גדול מאלה המלכים , ודינו דין מכובד , ואני חפץ בדיניך , אבל שואל אנכי מעמך שתאמר לי האמת , דין ישראל ודין ישמעאל איזה מהם טוב ? ענה החכם ואמר יחי אדוננו המלך לעולם ! דע באמת כי אין דין בכל העולם כדין ישראל, שהקב"ה בחר בישראל מכל האומות , וקראם בני בכורי , ועשה עמהם נסים ונפלאות , והוציאם ממצרים מעבדות פרעה, והעבירים בים בחרבה, ורודפיהם טבע, והוריד להם המן ויוציא להם מים מצור , ונתן להם את התורה מתוך האש , והנחילם ארץ כנען , ובנה להם בית המקדש לשכון ביניהם , ואח"כ חטאו לו , ויכעס עליהם וישליכם מעל פניו ויפזרם לכל רוח , ולולא זאת לא היה כדין ישראל בעולם, השיבו המלך ככה דברת דבריך , דע באמת כי אני אכבדך , ביום השני שלח המלך בשביל אלקאדי של הישמעאלים , וישאלהו ויאמר לו ; הודיעני האמת מה שיש בין דיני ישראל ובין דין פרס , איזה מהם הטוב ? וישיבהו אלקאדי ואמר לו , דין ישראל הטוב וכלו אמת , ועמהם תורת ה' וחקים ומשפטים

(דת) , און דער מלך איז געוועזען א חכם , האט ער געהייסען ברענגען א יודישען חכם , און האט נאך געפֿארשט , און האט גוט אויסגעפֿרעגט , און האט זיי אלעמען צו זאמען גענומען , צו ערקלערין זייערע דינים און זיי האבען צו בראכען יעדער איינצ גער די רייד פֿון זיין חבר , און האבען ניט מסכים געוועזען איינגעשטימט צו 1 זאך , אז דער מלך האט דאס געזעהן , האט ער געזאגט צום גלח פֿון מלך אדום , און צו די ישמעאלים'ס גייסטליכע , גייט אייך אין אייערע געצעלטין , ביז 3 טעג וועל איך נאך אייך שיקען , וועט איר קומען צו מיר, אויף מארגען האט דער מלך געשיקט נאכ'ן (כומר) גלח און האט צו אים געזאגט , איך ווייס וואויל אז דער מלך אדום איז גרעסער פֿון די דאזיגע מלכים , און זיין דת איז מעהר געערליכט , און איך וויל אין דיין דת, נאר זאג מיר דעם אמת , דער יודישער דת און ישמעאל'ס דת , וועלכער פֿון זיי איז בעסער ? האט דער (כומר) גלח געענטפֿערט לעבין זאל דער הער קעניג , זאלסט וויסען באמת אז עס איז ניטאה אין דער גאנצער וועלט אזא דת ווי דער יודישער , גאט האט אויס דערוויילט יודען פֿון אלע אומות, און האט זיי גערופֿען „בני בכורי" מיין ערשט געבוירענער זוהן , און האט געטאהן מיט זיי גרויסע נסים און וואונדער , ער האט זיי אויסגעצויגען פֿון קנעכטשאפֿט פֿון פרעה'ן , ער האט זיי דורך געפֿיהרט איבער'ן ים טרוקען , און זייערע נאכיאגער האט ער דער טרונקען , ער האט זיי געמאכט נידערין מן (א הימעל שפייז) און האט פֿאר זיי אויסגעצויגען וואסער פֿון א שטיין , און האט זיי געגעבען די תורה פֿון פֿייער , און האט זיי געמאכט ארבען דאס לאנד כנען , און האט זיי געבויעט א בית המקדש, צו רוען צווישען זיי , דערנאך האבען זיי צו אים געזינדיגט, איז ער אויף זיי אין כעס געווארען, און האט זיי פֿון זיך פֿערווארפֿען, און האט זיי פֿאר= שפרייט אין אלע זייטען , און ווען ניט דאס , וואלט ניט געוועזען אזא דת ווי דער יודישער אויף דערוועלט, האט דער מלכות געענטפֿערט , אזוי האסט דו גערעדט דיינע רייד עס איז ריכטיג , זייא וויסען באמת אז איך שעץ דיין כבוד , אויפֿ'ן 2=טען טאג האט דער מלכות געשיקט רופֿען דעם אלקאצי (מילא) פֿון די ישמעאלים , און האט אים געפֿרעגט , זאג מיר דעם אמת , וואס איז די אונטערשייד צווישען יודישען דת און צווישען דת אדום , וועלכע פֿון זיי איז בעסער ? האט אים דער אלקאצי געענטפֿערט און געזאגט , דער יודישער דת

איז דער בעסערער, און איז אין גאנצען
אמת, און מיט זיי איז גאטס תורה און
(חוקים) געזעצין און (משפטים) גערעכט,
נאר ווייל זיי האבען געזינדיגט איז גאט אויף
זיי אין כעס געוואָרען און האט זיי איבער=
געגעבען אין די הענד פון זייערע פיינד,
האט אים דער מלך געענטפערט דו האסט
מיר געזאגט דעם אמת, איך שעץ דיין
כבוד, און אין אנ'אנדערען טאג האט ער זיי
אלעמען צונויפגערופען, און האט צו זיי
געזאגט פאר אלע זיינע הארען, און זיינע
קנעכט און זיין פאלק, איך פערלאנג פון
אייך איר זאלט אויסקלויבען פון מיינטוועגען
וועלכער דת איז בעסער און רעכט פארטיגער,
האבען זיי אנגעהויבען צו רעדען, און האבען
ניט אוועק געשטעלט זייער רייד אויף א
פונדאמענט, ביז וואנען ער האט געזאגט
צום (כומר) גלח, דער יודישער דת און דער
ישמעאל דת וועלכער פון זיי איז בעסער?
האט דער כומר געענטפערט דער יודישער
איז בעסער, האט ער ווייטער געפרעגט
דעם אלקאצי, דער יודישער דת און דער
אדום דת וועלכער פון זיי איז בעסער? האט
דער אלקאצי געענטפערט דער יודישער איז
בעסער, האט דער מלך געענטפערט איר
האט שוין לאנג מודה גיוועזן מיט אייער
מויל אז דער יודישער דת איז דער בעסטער,
און דער רעכטפארטיגער, און איך האב
שוין לאנג אויסגעקליבען דעם יודישען דת
וואס דאס איז דער דת פון אברהם, און
דער אלמעכטיגער גאט זאל זיין צו הילף, זילבער און גאלד האט ער מיר צו געזאגט
געבין, און ער קאן מיר געבין אהן צער, און איר גייט אייך מיט פרידען אין אייער
לאנד, און פון דעם דאזיגען טאג אהן און ווייטער, האט אים דער אלמעכטיגער גאט
געהאלפען, און האט געשטארקט זיין כח, ער מיט זיינע קנעכט האבען זיך מהיל
געוועזן, און מ'האט געשיקט און געבראכט איינעם פון די יודישע חכמים, און
ער האט אים ערקלערט די תורה, און האט אים מסדר געוועזן (אין פאריאדעק אוועק
געשטעלט) די מצות, ביז היינטיגען טאג זענען מיר אפ'ן געערליכטען וועג,
און אין האלטען דעם ריכטיגען דת געלויבט זאל זיין גאט'ס נאמען אייביג, און
פון דעם טאג אהן וואס אונזערע עלטערין זענען אריין אונטער די פליגעל פון
דער שכינה, האט ער פאר אונז אונטערטעניג געמאכט אלע אונזערע פיינד, און האט
ערנידערט אלע אומות וועלכע וועגען ארום אינז, און עס האט זיך קיין איין מענש ניט
געשטעלט קעגין אונז, און אלע צאלען אונז מס, צינש, דורך די מלכי פרס און ישמעאל.

ומשפטים צדיקים, ובשביל שחטאו לו ופשעו
בו כעס עליהם, ויתנם ביד אויביהם, השיבו
המלך כבר דברת לי האמת ואמנם אכבדך,
וליום אחד קרא לכלם יחד ויאמר אליהם
לפני כל שריו ועבדיו ועמו, מבקש אני
מכם שתבחרו לי איזה הטוב והישר מן
הדינין, והתחילו לדבר ולא היו
מעמידים דבריהם על יסוד, עד שאמר המלך
להחכם הפרסי דין ישראל ודין ישמעאל
איזה הטוב מהם? ענה החכם ואמר דין
ישראל הטוב, ועוד שאל לאלקאדי ואמר
דין ישראל ודין פרס איזה הטוב? וענה
האלקאדי ואמר דין ישראל הטוב, ויען
המלך כבר הודיתם בפיכם שדין ישראל
הטוב והישר, ואני כבר בחרתי בדין ישראל
שהוא דינו של אברהם, ואל שדי יהיה
בעזרי והכסף והזהב שאמרתם לתת לו הוא
יכול לתת לי בלי צער, ואתם לכו לשלום
אל ארצכם, ומן היום והלאה עזרו האל
שדי ואמץ את כחו, וימל את בשר ערלתו
הוא ועבדיו, וישלח ויבא אחד מחכמי
ישראל ויפרשו התורה ויסדרו לו כל המצות,
עד היום הזה אנו על הדין הנכבד והאמיתי
יתברך שמו של הקב"ה לעולם, ומן היום
ההוא שנכנסו אבותינו תחת כנפי השכינה,
הכניע לפנינו את כל אויבינו והשפיל את
כל האומות והלשונות אשר סביבותינו, ולא
עמד איש בפנינו עד היום, וכלם לנו למס
ע"י מלכי פרס ומלכי ישמעאל.

ואחרי

און

ואחרי הדברים האלה עמד מלך מבני בניו ושמו עובדיה צדיק וישר, הוא חדש הממלכה, והעמיד את הדין כדין וכהלכה, והוא בנה כנסיות ובתי מדרשות, וקבץ לרוב מחכמי ישראל, ויתן להם כסף וזהב לרוב, ויפרשו לו ארבעה ועשרים ספרים ומשנה ותלמוד, וכל תקון תפלות חזנים, והיה ירא אלהים ואוהב התורה והמצות, ואחריו עמד חזקיהו בנו, ואחריו מנשה בנו, ואחריו הנוכה אחי עובדיה, ויצחק בנו, וזבולון בנו, ומנשה בנו, נסי בנו, מנחם בנו בנימין בנו, אהרן בנו, ואני יוסף בן אהרן הנזכר, וכלנו מלך בן מלך, ולא יוכל זר לישב על כסא אבותינו, יהי רצון מלפני ממליך כל מלך שיתמיד מלכותנו בתורתו ובמצותיו,

ואשר שאלת מהלך ארצנו וארכה ורחבה, הוא על יד הנהר הסמוך לים גרגאן לפאת מזרח, מהלך ארבעה חדשים. וע׳ יד הנהר חונים אומות רבות לרוב עד אין מספר, כפרים ועיירים וערי מבצר, והם תשע אומות ואין חקר ומספר להם, כלם נותנים לי מס, ומשם יסוב הגבול עד גרגאן כל יושבי חוף הים מהלך חודש כלם נותנים לי מס, ובצד דרום חמשה עשר אומות רבים ועצומים לאין מספר עד באב־אלאב־בו־אב, והם חונים בהרים, וכ ליושבי ארץ באבנא ותנה עד ים קוסטאנטינא, מהלך שני חדשים, כלם נותנים לי מס, ובצד מערב שלשה עשר אומות רבים ועצומים חונים על שפת ים קוסטאנטינא, ומשם יסוב הגבול לפאת צפון עד הנהר הגדול ששמו יוזג, והם יושבים פרזות בלא חומה, והולכים בכל המדבר עד שמגיעים עד גבול ההגראים, והם רבים כחול אשר על שפת הים כלם נותנים לי מס, ומדת ארצם מהלך ארבעה חדשים, ואני יושב על מבואות

הנהר

און נאך די דאזיגע איז אויפגעשטאנען א מלך פון די קינד׳ס קינדער. זיין נאמען א׳ עובדיה; א פרומער און אן ארונטליכער ער האט בענייט די מלוכה, און האט גוו ?ק געשטעלט דעם דת אקוראט ווי דער דין פארשט, ער האט געבויעט שוהל׳ן און בתי מדרשים, און האט צו נויפגענומען זייער פיעל יודישע חכמים, און האט זיי געגעבין זילבער, גאלד, און זיי האבען ערקלערט די 24 ספרים, תנ״ך, און משנה, און תלמוד און אלע תפלת פאר חזנים גערעפארמירט, ער איז געוועזן אגאט׳ס פארכטיגער, און אליבהאבער תורה, און מצות, נאך אים איז אויפגעשטאנען חזקיה זיין זון, נאך אים מנשה; חנוכה; עובדיה׳ת א ברודער; יצחק; זבולן; מנשה; נסי; מנחם, בנימין; אהרן; און איך יוסף בן אהרן; נאט דער־דער־מאנטער] און מיר אלע זענען מלך בן מלך, קיין פרעמדער טאהר ניט זיצען אויף דער שטול פון אונזערע עלטערין, זאל זיין דער ווילען פון דעם מלך וואס מאכט קעניגען אלע מלכים, אונזער מלוכה זאל אויפשטענדיג זיין צו זאמען מיט זיין תורה ומצות.

און דאס וואס דו פרעגסט די גרייס פון אונזער לאנד, איר לענג און ברייט, זי געפונט זיך ביי דער טייך וואס איז נאהנט צום ים גרגן, צו מזרח זייט, א מהלך פון 4 חדשים, און ביי דעם טייך וואוינען מעניגען אהן א צאהל, עס איז דא דערפער, שטעדט; און פעסטע שטעדט, 9 אומות מיט מענשען אהן א צאהל, אלע גיבען מיר מס, און אין דרום זייט זיצען 15 אומות, מיט פיעל שטארקע מענשין אהן א צאהל, ביז באב־אל בו־אב, און זיי געפונען זיך אויף די בערג, און אלע איינוואוינער פון לאנד באס חנס ביז׳ן ים קוסטאנטינה, א מהלך פון 2 חדשים, זיי אלע גיבען מיר מס, און צו מערב זייט 13 אומות מיט פיעל שטארקע מענשען, וואוינען אפ׳ן ברעג ים קוסטאנטינה, און פון דארטען רונגעלט ארום דער גרענעץ צו צפון זייט ביז׳ן גרויסען טייך יוזג, און זיי זיצען אין אפענע שטעדט, אהן א פעסטונג, און גייען אין גאנצען מדבר, ביז וואנען עס דאלאנגט צום גרענעץ ההגריאים, אונגרן, זיי זענען פיל ווי די זאמד פון דעם ים, און די אלע גיבען מיר מס, און די מאס

פון

פון זייער לאנד איז א מהלך פון 4 חדשים
און איך זיץ ביי די אויסגאנג פון טייך,
און לאז נים אריין די רוסים, וואס קומען
מים שיפען און ווילען אריבער אין זייער
לאנד, דאס גלייכען לאז איך נים אלע זייערע
פיינד וואס קומען מים דער יבשה, און
ווילען אריבער זייער לאנד, און איך האלט
מים זיי שטארק מלחמה, און ווען איך פאר
לאז זיי וואלטען זיי פאר טיליגט געווארען
אין דאס גאנץ לאנד ישמעאל ביז בגדאד.

נאך מעלד איך דיר, אז איך זיץ ביי
דער דאזיגער טייך מים די הילף פון
אלמעכטיגען גאט, און האב אין מיין מלוכה
3 מדינות, אין איינע זיצט די מלכה מים
אירע פרעלין, מים אירע בעדינער, די
לענג און די ברייט איז 50 אויף 50 מאייל,
מים אירע פרייע פלעץ, מים אירע דערפער
וואס זענען צו איר נאהנט, אירע איינ-
וואוינער זענען יודען; ישמעאלים; קריסטען;
און נאך אנדערע אומות, די 2-טע מדינה
מים אירע פרייע פלעץ לאנג און ברייט
8 אויף 8 מאייל, און די 3-טע מדינה וואס
איך זיץ מים מיינע הארען, מים מיינע
קנעכט, מים אלע מיינע נאהנטע (משרתים)
בעדינער און זי איז א קליינע, איר לענג
און ברייט 3 אויף 3 מאייל, אין צווישען
די מויערין גייט און ציהט זיך דער טייך,
און מיר זיצען אין דער מדינה א גאנץ ווינטער
און אין חדש ניסן גייען מיר א רוים יעדערער
צו זיין פעלד און גארטען צו בעארבייטען,
און יעדער פאמיליע האט זיך איר פערמאגענס
לאנד פון זיינע עלטערין בירושה, פארען
זיי צו רוהען אין זייערע פערגעניגענדיגע
אמעניעם, מים שמחה און געזאנג, קיין
איינציגער מענש הערט נים א שלעכט קול
פון קיינעם, און איך מים מיינע הארען מים מיינע קנעכט פאהרען מיר א מהלך פון 20 מאייל
ביז מיר קומען צום גרויסען טייך „ורשאן", און פון דארטען רינגלען מיר ארום ביז וואנען מיר
קומען צו דער ענדע פון אונזער מדינה, און דאס לאנד גייט וויניג רעגין, עס איז אבער
דא אסך טייכען וואס האדעווען אויך פיל פיש, און מיר האבען פיעל קוואלען, די ערד
איז אגוטע און א פעטע, פעלדער ווייגגערטנער, טייערע פרוכט סעדער, די אלע טרינקען
זיך אהן פון די טייכען, און מיר האבען זייער פיעל פרוכט בוימער.

נאך מעלד איך דיר, די גרעניצין פון מיין לאנד צו מזרח זייט, א מהלך
פון

הנהר, ולא אעזוב את הרוסיים הבאים בספינות לעבור עליהם, וכמו כן לא אעזוב את כל אויביהם הב::ים ביבשה לעבור אל ארצם, ואני אלחם עמהם מלחמה קשה, ואילו עזבתים היו מכחידים כל ארץ ישמעאל עד בגדאד, ועוד אודיעך שאני יושב על הנהר הזה בעזרת שדי, ויש לי בתוך מלכותי שלש מדינות, האחת יושבת בה המלכה עם נערותיה וסריסיה, ארכה ורחבה חמשים על חמשים פרסה, עם מגרשיה והכפרים הסמוכים לה, והיושבים בה ישראלים וישמעאלים ונוצרים ואומות אחרות מלשונות אחרות יושבים בה, המדינה השנית ומגרשיה ארכה ורחבה שמנה על שמנה פרסאות, והמדינה השלישית אני יושב בה עם שרי ועבדי וכל משרתי הקרובים אלי, והוא קטנה ארכה ורחבה שלשה על שלשה פרסאות, ובין החומות הנהר מושך והולך, ואנו יושבים במדינה כל החורף, ובחודש ניסן אנו יוצאים אל המדינה והולכים איש אל שדהו ואיש אל גנו ואל עבודתו, ועוד כל משפחה ומשפחה יש להם אחוזת אבותיהם ידוע, נוסעים וחונים בגבולם בשמחה ובשירים, לא ישמע אדם קול נוגש ואין שטן ואין פגע רע, ואני ושרי ועבדי נסע ונלך מהלך עשרים פרסאות עד שנגיע לנהר גדול הנקרא ורשאן, ומשם נסובב עד שנבוא אל קצה המדינה, זו מדת ארצנו ומקום מנוחתנו, והארץ אינה גשומה הרבה. ויש בה נהרות רבות מגדלים דגים לרוב ויש בה לנו מעיינות רבות, והארץ טובה ושמנה שדות וכרמים וגנות ופרדסים, כלם משקים מן הנהרות, ויש לנו כל עץ פרי לרוב מאד, ועוד אודיעך גבול ארצי לצד מזרח מהלך
עשרים

עשרים פרסאות עד ים גרגאן, ולפאת דרום מהלך שלשים פרסאות ולפאת מערב מהלך ארבעים פרסאות, נהרות ומעיינות רבות, ובעזר ה' אני יושב לבטח.

ועוד שאלת כדבר קץ הפלאות, ואנחנו עינינו אל ה' אלהינו ואל חכמי ישראל הישיבה שבירושלים ואל הישיבה שבבבל, ואנו רחוקים מציון, אבל שמענו שברוב העונות תעו החשבונות ואין אנו יודעים מאומה, אבל יישר בעיני אלהים ויעשה למען שמו הגדול, ואל ימעט לפניו חורבן ביתו וביטול עבודתו וכל התלאות אשר מצאתנו, ויקיים בנו ופתאום יבוא אל היכלו וכו' ואין בידינו כי אם נבואות דניאל, ואל אלהי ישראל ימהר הגאולה ויקבץ גליותינו ונפוצותינו בחיינו ובחייך ובחיי דכל בית ישראל אוהבי שמו, וזכרת באגרתך שאתה מתאוה לראות פני, גם מאד אני כוסף ומתאוה לראות פניך הנעימים, ויקר תפארת חכמתך וגדולתך, ומי יתן והיה כדבריך, ולו זכיתי להתחבר עמך ולראות פניך הנכבדים והנעימים והנחמדים, אתה תהיה לי לאב ואני אהיה לך לבן, ועל פיך ישק כל עמי, ובדברך היתי יוצא ובא, ובעצתך הנכונה, ושלום רב.

פון 0. מאַייל ביז'ן ים „גרגאן", צו דרום זייט אַ מהלך פון 30 מאַייל און צו מערב זייט, אַ מהלך פון 40 מאַייל, און איך זיץ אין אַנ=אינזעל, מיינע פעלדער מיינע ווייג=גערטנער, און פרוכט סעדער זענען אין אינזעל צו צפון זייט, אַ מהלך פון 30 מאַייל, אַ לאַנד פון טייכען און קוואַלען זייער פיעל, און מיט גאָטס הילף זיצען מיר פאַרזיכערט.

און וועגען דיין שאלה מכח דעם וואונדערליכען קץ? אונזערע אויגען זענען צו גאָט, און צו די יודישע חכמים, די ישיבות פון ירושלים און בבל, מיר זענען וויים פון ציון, נאָר מיר האָבען געהערט אַז צו ליב די פיעלע זינד האָבען מיר פערלוירען דעם השבון, און מיר ווייסען גאָהר ניט, נאָהר וואָס עס וועט געפעלען זיין אין די אויגען פון גאָט, וועט ער טוהן וועגען זיין גרויסען נאָהמען, זאָל ניט זיין קליין ביי אים דעם חורבן פון זיין הויז, און דעם צושטערונג פון דער הייליגער אַרבייט אין בית המקדש, און די אַלע צרות און אומגליקען וואָס האָט אונז געטראָפען, עס זאָל מקויים ווערען דער פסוק „ופתאום יבא אל היכלו" (ד"ה) גאָט וועט פליצלונג שיקען די גאולה, מיר האָבען מעהר ניט נאָר די נבואה פון דניאל, און דער יודישער גאָט זאָל אַיילען די גאולה (אויסלייזונג) און זאָל צו נויפקלויבען פון גלות די אַלע אונזערע פערשפרייטע, פאַר דיין לעבען, און פאַר מיין לעבען, און אין לעבען פון אַלע יודען וואָס ליבען זיין נאָמען, און זאָלסט געדענקען וואָס די האָסט געשריבען אין דיין בריף, אַז דו האָסט לוסט צו זעהן זיך מיט מיר, דאָס גלייכען האָב איך אויך גרויס לוסט צו זעהן זיך מיט דיר, דיין זיסען פנים מיט די טהייערקייט פון דיין חכמה מיט דיין גרויסקייט, הלואי זאָל זיין אַזוי ווי דיינע רייד, הלואי זאָל איך זוכה זיין, צו זיין מיט דיר צו זאַמען, דו וואָלסט מיר געוועזען אַ פאָטער, און איך דיר אַ זוהן; און דורך דיר זאָל געשפייזט ווערען מיין גאַנצע פאָלק, מיין גיין און קומען נאָר דורך דיין עצה, און פיעל פרידען.

## פאַרענטפערונג פון דעם איבערזעצער.

די אַלע שריפטען פון מיטעלאַלטאַרישע פאָעטין פון פאַרצייטיגע גרויסע שרייבער, זענען געשריבען מיט הויכען פאָעטישען גייסט, איבערזעצען וואָרט אין וואָרט איז איבעראַל שווער, אַפילו צו די גרויסע בערופענע שרייבער, בפרט פאַר אַ מענשען ווי איך, וואָס מיין האַנד האָט מעהרסטען געהאַלטען דעם שניידמעסער איוף די אָקסין וואָס פערשאַפען

גוטס

גוטס דעם מענשין ווען זיי לעבען, אין פערגעניגען מיט זייער פלייש און פעל נאך זייער טויט, ווי די פען וואס קען רעדען צום מענשין וועגען זיינע מעלות און חסרונות. דאך האב איך אנגעשטרעקט אלע מיינע שלאפע פעדערקרעפטין צום איבערזעצען דעם אינהאלט פון די זעלטענע בריף פֿי יודישען איספאנישען מיניסטער צום יודישען כוזרישען קעניג, יוסף, און זיין ענטפער־בריף צו רבי חסדאי'ן, און ווער עס וויל פערגעניגענען זיך פון דער מליצה פון די בריף אויב ער לעזט עברי'ש געפינט ער דא זיין באגער פונקט ווי אין ארגענאל.

א טיפער זיפץ רייסט זיך ארויס פון זיין הארץ: יודען האבען א מאהל געהאט אויף דער גרויסער גאטס ערד, האטש א קליינע, אבער א שענע אנגעזעהנע כוזרישע מלוכה, וואס האט געשעצט די תורה, און דאס יודישע אמונה, דאס איז געוועזן א צירונג און אן'אנדענק פון אמאהליגע יודישע מלוכה, האט זי אבער אויך ניט פיעל געצויגען, אנ'ערך פון 250 יאהר, און איז אונטערגעגאנגען דורך די שווארצע, דיקע וואלקענעס, וואס זענען פערצויגען איבערין יודישען הימעל שוין הונדערטער יאהרען!

די בריף מיט די קליינע ערציילונג פון דער כוזרישער יודישער מלוכה, גיבט אונז קרעפטען און האפענונג, אז אונזער זון איז ניט פארגאנגען אויף אייביג; אזוי ווי אונזער גאט און די תורה איז אייביג, אונזער זון וועט אמאהל אויפשייטען און וועט געדויערען אייביג, און ווי גאט און די תורה איז אייביג. אזוי איז דאס יודישע פאלק אייביג, ווי אונזערע תלמודית־טן האבען באצייכונט מיט זייערע הייליגע ווערטער „קוב"ה ואורייתא וישראל חד הוא" גאט, און די תורה, און יודען, זענען איינס, דארט וואו ס'עקסיסטירט דאס גלויבען אין גאט, דארט איז די תורה, און וואו עס איז דא די תורה מ'לערונט־זי און מען איז מקיים אירע מצות, דארט זענען דא יודען, און אזוי איבער גע'חזר'ת, וואו עס איז דא יודישקייט, איז א סימן אז מ'לערונט די תורה און וואו מ'לערונט תורה איז א סימן אז מ'גלויבט אין גאט.

מיר שטייען ניט אב פון די 3 טהייערע עלימענטען, און מיר האבען גענומען גאט צו הילף די ארימע פען זאל אונז דינען פאר א גוטען שליח צום פאלק, ברענגען אים פון אלט'הייליגע שריפטען נייע פערגעניגען.

די יודען אין קרים פון פריערדיגע צייטען.

די יודען אין דער רוסישע מלוכה זענען איינינע פון די וואס זענען געוועזן אונטער די מלכי ישראל (יודישע קעניגען), און איינינע פון די עשרת השבטים און א ביסעל פון די קינדער וואס זענען געוועזן אונטער מלכי יהודה פון גלות ירושלים, וואס זענען ארויס געגאנגען פון זייערע שטעדט מיט זייערע כהנים צו שאלען מיט טרומפייטען צו העלפען זייערע ברודער וואס זענען געוועזן אין דעם פעסטונג (קרעפוסט) שומרון, און גדליה דער זוהן פון קעניג אחז איז געוועזן זייער אנפירער (גלאוונע קאמנדיר), דאגה־נעדיג אז דער שונא שלמנאסר זאל ניט איינ־נעמען שומרון און וועט נאך דעם גיין איינצונעמען ירושלים.

קדמות היהודים בקרים לפי דעת החוקר קדמוניות אבן רש"ף.

בני ישראל במלכות רוסיא במדינת קרים, קצתם משארית מלכות ישראל משבטי עשרת השבטים, עם קצת מבני יהודה גלות ירושלים, שיצאו מעריהם עם כהניהם, להריע בחצוצרות לעזרת אחיהם אשר במצור שומרון, וגדליה בן המלך אחז שר צבאם בראשם, מדאגה בדבר פן ילכוד הצר שלמנאסר את שומרון, ויבא ללכוד גם את ירושלים

נאהר

ירושלים, אך שוא עמלו במלחמתם, כי מלאה סאת אחיהם אשר במצור, ויתפשם שלמנאסר בחיים, וינחם גולה לערי מדי, שנת ערך 720 לפני ספה"נ, והמלך במבוז בן כרש. הטה להם חסד על אמונת רוחם אליו, וגבורתם במלחמתו עם תלמירא מלכת השיטים. כדברי יהודה המגיה (ע"פ רשימה עתיקה), וישלחם חפשי מגלות מדי, וכפי בקשתם, נתן להם במתנת חסד אחוזה בחצי האי קרים, ערך שנת, 474 לפני ספה"נ, ומכאן נראה שהיו עם רב מאד, ויתישבו בכמה וכמה מקומות בערי קרים, בספרד, (קערטש), בסולכת (קרים הישנה), ובכרסון, (קורם) או (כרסונים) ובסלע היהודים (צופוטקלעא) אשר בצרו להם חומה סביב, וישבו בה זה אלפים ושלש מאות וששׁ עשרה שנה [המספר הזה הוא בעת אשר כתב אבן רש"ף את ספרו בשנת הת"ר וכעת היא שנת תער"ב] ועומד לנס עמים בחומותיו וקצת בניניו וחרבותיו עד היום, ועל תמידת ישיבות אבותינו שם זמן רב כל כך, עדות ברורה מן המצבות הרבות המאולפות מדורות הראשונים והבינים והאחרונים, הן הן בשיפולי סלע היהודים בעמק הבכה, הנקרא עמק יהושפט, בהשואה לעמק יהושפט אשר בירושלים, והסגולות שבהן, ההן משנת הששית, ושנת השלשים, לחיי ישוע הנוצרי, וכן אחריו עד שנת 1842 לספה"נ. —

ומן אז אשר גלו מעל אדמתם מזמן גלות שומרון, לא שבו אל אדמתם, לא ראו

נאר זייער מיע איז דער מלחמה איז געװען אומזיסט, װארום עס איז פיעל געװארען די זונדיגע כ'אס פון זייערע ברודער װאס זענען געװען אין פעסטונג, און שלמנאסר האט זיי אלעמען פערנומען לעבעדיגערהייט, און האט זיי געפירט אין גלות אין די שטעדט פון מדי, אין יאהר 720 פאר קריסטוס, און דער מלך כמבוז דער זוהן פון כרש האט גענייגט צו זיי חסד (גענאדע), פאר זייער בעגלייבטען גייסט צו אים, און די העלדענשאפט (גבורות) װאס זיי האבען ארויס געװיזען אין זיין מלחמה מיט תלמירא די קעניגען פון שיטים, [װי עס שרייבט יהודה המגיה אין זיינע רייזענשריפטען נאך א גאלטע רשימה] האט ער זיי פריי געשיקט פון גלות מדי. און נאך זייער בקשה (גיבעט) האט ער זיי געגעבען א מתנת חסד, א זעלבסט אייגענע מדינה, אין האלבען אינזעל קרים, דאס איז אין ערך אין יאהר 474 פאר קריסטוס, און פון דער פון װייזט אוים אז זיי זענען געװען א גרויסע פאלק, און האבען זיך באזעצט אין פיעל ערטער אין די שטעט פון קרים, און ספרד (קערטש) אין סולכת; (סטארי קרים) אין כרסון, (קורסין אדער כרסונים) און אין סלע היהודים (צופוטקלע) װעלכע זיי האבען בעפעסטיגט מיט אמויער ארום, און זיצען דארטען פון 2 טויזענד און 3 הונדערט מיט 16 יאהר [דאס איז דער רעכענונג פון פירקאװיטצעס צייטען װען ער האט געשריבען װעגין דעם אין יאהר הת"ר און יעצט איז ה,בעת"ר] און דאס איז נאך היינט פאר א פעלקער פאן, דער מויער מיט אביסעל פון זיינע בנינים, מיט די חורבות ביז היינטיגען טאג, און אויף די שטענדיגע זיצונג פון אונזערע עלטערין דארט פון לאנגעצייטען, איז אריכטיגער בעװייז די טויזענדער מצבות פון די ערשטע, און מיטעלע; און לעצטע; דורות, װאס זענען אין דער נידער פון סלע היהודים (צופוטקלע) אין דעם טיפען טאהל װאס מ'רופט אים דארט „עמק יהושפט" מיט דעם צו גלייבען צום עמק יהושפט, װעלכע איז אין ירושלים, און די טהייערסטע פון זיי צום גרויסען אנדענק זענען די מצבות װאס זענען געשטעלט געװארען אין 6-טען און 30-טען יאהר פארען לעבין פון ישוע הנוצרי (קריסטוס), און אזוי נאך דעם ביז היינטיגען יאהר.

און פון דאמאלס אן זינט זיי זענען פערטריבענגעװארען פון זייער ערד פון דער צייט פון גלות שומרון, האבען זיי זיך ניט אומגעקעהרט צו זייער ערד, און האבען

האבען ניט געזעהן מיט זייערע אויגען דעם חרבן פון (בית ראשון) דער ערשטען בית המקדש, זיי האבען נאר גיהערט און האבען דעריוף געקלאגט, און האבען ניט געזעהן דעם בנין (דאס בויעכץ) פון בית שני דעם 2-טען בית המקדש, און ניט זיין חרבן, און האבען ניט געהאט קיין אנטהייל גענומען אין אלע נייעס וואס האט געשפראצט אויף דער יודישער ערד.

און זעהענדיג אין זייער גלות אז עס איז געקומען אויף זיי אלע שלעכטע ווינשונג וואס די הייליגע נביאים האבען זיי פאראויס נביאות געזאגט, פאר זייער עובר זיין (איבערטרעטין) גאטס מצות, דער גאט פון זייערע עלטערין, האבען זיי זיך מתודה געווען אויף זייער זינד און אויף די זינד פון זייערע עלטערין וואס האבען געפעלשט אין איהם, און האבען זיך אומגיקערט צו זייער גאט מיט זייער גאנצער זעלע (נפש) און מיט אלע קרעפטין, און גאט האט זיי גינעגעבן צו רחמנות ביי די פעלקער, און האבען זיי באזעצט אין פארזיכערטע אין רוהיגע וואוינונגם אין האלבען אינזעל קרים, שוין מעהר פון 2300 יאהר זענען זיי ניט פארטריבען געווארען, און ניט ארויס-געטריבענגעווארען פון דארט אין איין אנדער לאנד, גאט איז מיט זיי אין אלע זייערע צרות. און זיין מלאך האט זיי בעהאלפען אין די אלע געיאגטע טעג וואס ווילדע און שלעכטע פעלקער האבען געיאגט איינע די אנדערע, און דאס שלעכטס האט פערפלייצט אזוי ווי שטורימדיגע וואסער אין האלבען אינזעל קרים ווען איין וואסער גייט אוועק קומט די אנדערע, איין פאלק די צווייטע האט געפאנגען אין נעץ, און די יודען די פערבליבענע פון די אנטרונענע, זענען מיט גאטס חסד נעבליבען פאר א וואונדער און א צייכען אויף גאטס בעזונדערע השגחה אויף זיי אין קרים, אין דעם זכות פון די תשובה פון זייערע עלטערין [וו]עלכע האבען זיך אומגעקערט צו זייער גאט.

צווישען די יודען וואס האבען זיך בעזעצט פון פריערדיגע דורות אין קרים, זענען געווען חכמים מנקדים, און בעלי מסורה, האטש עס איז נאך דאמאלס ניט געווען פערשפרייט די תורה פון תלמוד (גמרא) צווישען זיי, ביז אין יאהר תשי"ז צום פינפטען טויזענד, זענען געקומען דריי שלוחים פון ירושלים, דאס איז רבי אפרים, און ר' חנכה, און ר' אלישע, און אט די דאזיגע שלוחים, האבען אנגעהויבען צו פארשפרייטען דאס

לערנען

ראו בעיניהם את חרבן בית ראשון, רק שמעו את שמעו, ויתאבלו, ולא ראו את בנין בית שני ולא את חרבנו, ולא הי' להם חלק ונחלה בכל החדשות אשר צמחו על אדמת ישראל. —

ובראותם בגלותם כי באו עליהם כל היעודים הרעים שהתנבאו עליהם נביאי הצדק, על עברם מצות תורת ה' אלהי אבותינו, התודו את עונם, ואת עון אבותם אשר מעלו בו, וישיבו אל ה' אלהיהם בכל נפשם ובכל מאדם, ויתן אותם לרחמים וישבו במשכנות מבטחים ובמנוחות שאננות בחצי האי קרים יותר מאלפים ושלש מאות שנה, לא גלו ולא גורשו משם לארץ אחרת, בכל צרותם לו צר, ומלאך פניו הושיעם בכל ימי הרדיפות אשר רדפו העמים הפראים האכזרים זה את זה, אשר שטפו ועברו בחצי הצי קרים כמים הזדונים, ואיש את רעהו יצודו חרם! המה אבדו עד אחד, ובני ישראל בחסדי השי"ת יתר הפליטה, נשארו לאותות ולמופתים על השגחתו יתברך הפרטית עליהם בקרים, בזכות תשובת אבותם אשר שבו אל ה' אלהיהם, היהודים אשר ישבו בקרים מימי קדם קדמתה, היו ביניהם חכמים מנקדים ובעלי מסרה, אף כי עוד לא התפשטה תורת התלמוד, עד אשר בשנת תשי"ז לאלף החמשי, באו שלשה שלוחים מירושלים, הוא רבי אפרים, ור' חנוכה, ור' אלישע, והשלוחים האלה החלו להתפשט את לימוד

התלמיד

התלמוד בעיר כפא, (פעאדאסיא) ובספרד, (קערטש) ובשארי ערי קרים, והרשומות אשר על המצבות ועל הס"ת, תעידנה כי היהודים גרו מזמן כביר בחצי האי קרים, ובחצי האי טאמאן, קערטש, פעאדאסיא, סולכת, סוגדאי, סודאק, או סוגדי; מונגופ. סלע היהודים, (צופוטקלע) אונקערמאן, חערסאנעס (כרשון) עד אשר באו תחת ממשלת הטאטארים, ובימיהם חיו בקרים בגאון שלות השקט, ובכל עת נתנו להם מכתבי חופש (פריווילעגעס) ומהם היו גם נכבדים ומשרתים בחצר המלך (חאן) עד כי לא חסר להם דבר.

## דעת החוקר החכם אברהם אליהו הרכבי.

פיפצען פון קליינע קינדער, אהן אריינע שפראך, דאס בעווייזט אויף זייער פריערדינע אמאהליגער צייט, ווען עס איז נאך ניט געוועזען פערשפרייט דיא חכמת הדקדוק, און די שירים ארבייט, און פון דער דאזיגער איבערבלייבונג פון דעם ספר דיוואן, קען מען רעכענען אז ער איז געוועזן גרויס אין זיין אינהאלט, און אהן א ספק האבען זיך געפונען ביי דיא ערשטע יודען פון קרים, אויך סדורי סליחות ובקשות, וואס זענען מיט דער צייט פער־לארענגעווארען, און די אלע זענען געוועזען פערפאסט פון דיא ערשטע וואס זענען געזעסין אין לאנד, און ניט פון דיא גאונים פון בבל האבען זיי בעקומען, און עס איז קיין ספק ניט, אז אין דער שטאט סולכאת (אלט קרים) און כפא (פעאדאסיע) איז אט דיא יודען וועלכע האבען שוין אנגענומען תורת הרבנות, האבען דאך ניט אויפגעהערט צו דאבנן איינינע תפלות, וואס זיי האבען גערהאט פון זייערע עלטערין די אלט געזעסענע פון קרים עליהם השלום, אזוי ווי מיר זעהן ביז היינטיגען טאג אין זייערע סדורים, וואס איז געדרוקט אין דער שטאט קלעא, און אין מעזירוב, וואס ווערט געזאגט די זעלבע פיוטים אין א שמחת מילה, און א שמחת חתנים, א ברית און א חתונה, און ר׳ דוד ליחנו האט דאס ניט געזעהן, און האט דערפון ניט געוואוסט (זעה וויטער הערה ט׳).

מעידים על קדמות זמנם, בעוד לא התפשטה חכמת הדקדוק ומלאכת השיר, ומן הפליטה הזאת מן הדיוואן, יש לשפוט שהיה גדול בכמותו 1) ובלי ספק היו נמצאים ביד בני קרים הראשונים סליחות ובקשות שנאבדו ברבות הימים וכלם כפי הנראה מעשה ידי בני הארץ ולא מן הגאונים מבבל באו למו, אין ספק שבעיר סולכאת וכפא לא חדלו אותן היהודים שקבלו תורת הרבנות להתפלל במקצתן גם את התפלות שהיו בידם מאבותיהם אזרחי קרים עה״ש, כמו שאנחנו רואים בהם עד היום בסדורי תפלותיהם הנדפסים בעיר קלעא ובמעזירוב, שקוראים אותן הפיוטים עצמם הנהוגים בשמחת המילה ובשמחת חתנים, והדד״ל לא ראה ולא ידע מכל זה דבר (ועין להלן הערה ט׳).

ו) כתב הרד״ל וכאשר נלכדה עיר כפא ע״י המלך הגדול מלך תוגר פטיח וכו׳, — הוא קורא בטעות את מחמד השני בשם פטיח שלא היה ולא נמצא שם זה למלכי תוגר כי אם בין מלכי טטר, והוא פטח גראיי־כאן שהיה בקרים בשנת התצ״ז, ובימיו נדפסו בעיר קלעא סדורי התפלות של בני מקרא שנתים ימים אחרי שנדפסו שם סדורי התפלות של הרבנים הקרמיים — וגם שנת כבוש העיר קוסטאנטינא לא היתה בשנת ר״ז כי אם בשנת הרי״ג או הרי״ד 1453, 1454.

כתב

ו) ר׳ דוד ליחנו שרייבט ווען די שטאט כפא איז איינגענומען געווארען דורך דעם גרויסען תרקי׳שען מלך פטיח וכו׳, ער רופט אהן בטעות מחמד דעם 2־טען מיט׳ן נאמען פטיח, וואס עס האט זיך נאר ניט געפונען, און ניט געוועזען צו דיא תרקישע מלכים, נאר צווישען דיא תתרישע מלכים, דאס איז פטח גראיי־כאן, וואס ער איז געוועזען אין קרים, אין יאהר ה׳ תצ״ז, און אין זיינע צייטען איז געדרוקט געווארען אין דער שטאט קלעא, סדרי תפלות, קראימישע, אין 2 יאהר ארום וואס עס איז געדרוקט געווארען דיא רבנים סדורים פון דיא רבנים פון קרים, אויך דאס איינעמונג פון דער שטאט קוסטאנטינא, איז אויך ניט געוועזען אין יאהר ר״ז נאר אין יאהר ה׳ רי״ג אדער ה׳ רי״ד 1453 אדער 1454.

ר׳

---

1) ב) השירים הנמצאים בפליטת הדיוואן כפי שתארם לנו הרב אבן רש״ף כנראה הם כולם מיוסדים לחג השבועות מלבד הראשון שלא הודיע לנו טיבו המו״ל.

ז) כתב הרד"ל באו אנשים רשומים זהמה חכמים מחוכמים מקצוי ארץ קודם שבאו גלות ירושלים אשר בספרד לקוסטאנטינא, והיו נוהגים בתפלות ע"פ המחזור של החזניא במנהג רומניא, גם פה אין הזמנים מכוונים, כי ביאת גלות ירושלים אשר בספרד לקוסטאנטינא היתה בשנת ה"א רכ"א כמו שראינו בספר הרויה חבורו של החכם הרב ר' יחיאל בן הרב ר' אשר זצ"ל בהיותו ברבנות בקוסטאנטינא אצל בני מקרא, ונמצא הספר הזה בבית ישיבתו של החכם כה"ר יוסף קמחי הרבני הגביר זצ"ל ונתחבר בשנת רכ"א, ושם סימנו רויה על שם הכתוב באנו באש ובמים ותוציאנו לרויה, וע"ש המליצה הזאת קרא גם שם ספרו, ושם ספרו נאה לו, כי המלך מחמד השני קבל את היהודים בבואם מגרוש ספרד בספ"י ויתן להם המקום הנקרא באלאט, ויתישבו שם במשכנות מבטחים ובמנוחות שאננות ברחמי השי"ת כי לא יעזוב את חסידיו לעולם נשמרו, ובתוך הדיוואן אשר נמצא על קלף בקוסטאנטינא חבורי חכמי אנדלוסיא כלם משנת ה"א קנ"א קע"ב קפ"ה קפ"ט קצ"א וקצ"ט, ורובם על גליות וחרבן קהלות ספרד נמצאת קינה לשבעה עשר בתמוז להרב הנ"ל המחבר ספר הרויה ותחלתה, „תמוז בעת אזכרה אזיל דמעותי", ובה כ"ה בתים, ובראש כל בית השם תמוז, שהיה בוכה עליו על המקרים שקרו בו, ואחרי שיהודי ספרד באו לקוסטאנטינא בשנת הרכ"א (1461 לסה"נ) א"כ איך יאמר הרד"ל, שעם כבישת כפא באו אנשים רשומים

ז) ר' דוד ליחנו שרייבט עס זענען געקומען געצייכונטע מענשין גרויסע חכמים פון עקין וועלט. נאך איידער עס זענען אנגעקומען די יודען פון גלות ירושלים וועלכע זענען אין ספרד, קיין קוסטאנטינא, און האבען זיך נוהג געוועזן אין דאבנן נאך'ן מחזור חזניא, אזוי ווי דער מנהג רומניא, אויך דא זענען די צייטען ניט ריכטיג, ווארום דאס אנקומען פון דיא יודען גלות ירושלים פון ספרד קיין קוסטאנטינא, איז געוועזן אין יאהר ה"א רכ"א אזוי ווי מיר האבען געזעהן אין ספר הרויה, דער חבור פון החכם הרב ר' יחיאל בן הרב ר' אשר זצ"ל, ווען ער איז געוועזן א קראימעשער רב אין קוסטאנטינא, און דער ספר געפונט זיך אין דער ישיבה פון החכם כה"ר יוסף קמחי הרבני הגביר זצ"ל, און ער איז פערפאסט געווארען אין יאהר רכ"א, און דער נאמען פון סימן רויה איז אפ'ן נאמען פון פסוק „באנו באש ובמים ותצאנו לרויה" און אפ'ן נאמען פון דער מליצה האט ער גערופען דעם נאמען פון זיין ספר, און דער נאמען איז זייער צו געפאסט, ווארום דער מלך מחמד דער 2=טער האט אויפגענומען די יודען וואס זענען ארוים געטריבענע=געווארען פון ספרד (אוספניא), מיט א פריינד=ליכען פנים, און האט זיי געגעבין דאס ארט וואס מ'רופט באלאט, און זיי האבען זיך דארט באזעצט אין רוהיגע וואוינונגס, אין שטילקייט מיט גאטס רחמנות, וואס ער פארלאזט ניט זיינע פרומע, און היט זיי אייביג, און אין דעם ספר דיוואן וואס מ'האט געפונען אויף פארמעט אין קוסטאנטינא, וואס די חכמים פון אנדלוסא האבען מחבר געוועזן, זענען אלע פון יאהר ה"א קנ"א קע"ב קפ"ה קפ"ט קצ"א קצ"ט, און דאס רוב וועגין גלות, — און וועגין חרבן יודישע קהלות אין ספרד, געפונט זיך א קינה לשבעה עשר בתמוז, צו דעם זעלבעגין מחבר ספר הרויה, און זיא הויבט זיך אן „תמוז בעת אזכרתה אזיל דמעותי" ווען איך דערמאן מיך אן תמוז רינען מיינע טרערין, און אין דער קינה איז 25 בתים, און אין יעדער אנפאנגס בית איז דער נאמען תמוז, וואס ער האט געוויינט דערויף, אויף דיא שלעכטע מרעפונג וואס האט געטראפען אין דעם חודש, היינט אז די יודען פון ספרד זענען אנגעקומען אין קוסטאנטינא אין יאהר ה' רכ"א 1461 נאך קריסטוס, ווי אזוי־זשע זאגט ר' דוד ליחנו אז מיט דעם איינגעמען כפא, זענען אנגעקומען געצייכונטע מענשין

פון

פֿון עקען וועלט, און דאָס איז איידער עס זענען אָנגעקומען דיא גלות יודען פֿון ספרד אין קאָסטאַנטינא 1) און ווער זענען די געצייכענטע חכמים און ווי איז זייערע נעמען? אויב ער האָט געוואוסט פֿאַר וואָס האָט ער פֿאַרהוילען פֿון אונז? :

ח) ר' דוד ליחנו שרייבט אויף די דאָזיגע איז צו געקומען יודען פֿון דעם אַלגעמיינעם (כולל) גרויש, וואָס עס איז געווען אין דער גרויסער גאָטליבער שטאָדט פֿון חכמים און סופרים וואָס מערופֿט זיא קיוב וכו', מאַנען און ווייבער און קליינע קינדער, און דיא קרוין פֿון זייער מלכות איבער זיי, דאָס איז הרב המקובל וכו' במוהר"ר משה הגולה בכ"ר יעקב יעמ"ש בע"ס אַ געלוסטיגער אוצר וכו', און ער דערמאַנט דאָ ניט דאָס יאָהר פֿון דעם גרויש קיוב, וואָס דער רב בעל אוצר נחמד איז געוועזין איבער זיי, נאָר פֿון דער וואָס ער שרייבט אין סוף 2-טען חלק ספר החזניא אין יאָהר ה"א ע', 1310, זענען געקומען רבנים פֿון בבל אין קיוב, און אין יאָהר ה"א ר"ז, 1447, זענען איניגע נאָכען גרויש פֿון קיוב אָנגעקומען אין קרים, ווייזט אויס אַז אויף דער צייט אַליין מיינט ער, און אין דעם יאָהר דאָס איז שנת ר"ז זענען געקומען די גלות יודען מיט'ן הרב ר' משה דער מאַן פֿון ספר אוצר נחמד, און אַזוי ווייזט אויס פֿון דעם וואָס ער האָט געזאָגט „און נאָך האָט זיך אויף זיי פֿאַרמערט" היינו! אַז דיא דאָזיגע וואָס זענען געקומען פֿון עקין וועלט, נאָך דעם אַז כפא איז איינגענומען געוואָרען דורכ'ן תרקישען מלך שולטן מחמד, [ער רופֿט אָן פֿטיח], האָט ער דאָ אין צווייען אַ טעות געהאַט, א) דער רב בעל ספר אוצר נחמד איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר ר"ט, און האָט געשריבען זיין ספר אין יאָהר רע"ד רע"ה, אַזוי ווי ער אַליין ברענגט דיא פּרטים פֿון דיא דאָזיגע יאָהרען אין זיין ספר אין סוף פּרשה אמור מיט דעם לשון. דאָ איז געענדיגט געוואָרען

רשומים מקצוי ארץ וזה קודם שבא גלות ספרד לקוסטאנטינא 1) ומי הם האנשים הרשומים החכמים חמחוכמים, ומה שמותיהם אם ידעם מדוע העלימם מאתנו?.

ח) כתב הרד"ל.* ועוד נוסף עליהם שהיה גרוש כולל בקהלות של רוססיא בכללם בעיר גדולה לאלהים של חכמים וסופרים הנקראת כיוב וכו', קהלה גדולה אנשים טף ונשים ועטרת מלכם בראשם הרב המקובל וכו' כמהור"ר משה הגולה בכ"ר יעקב יעמ"ש בע"ס אוצר נחמד וכו', והנה לא זכר פה שנת גרוש קהלת כיוב שהיה הרב בעל אוצר נחמד בראשם, אך ממה שכתב בסוף החלק השני מס' החזניא, "בשנת ה"א ע' (1310) באו רבנים מבבל לכיוב ובשנת ה"א ר"ז (1447) באו קצתם מכיוב אחרי הגרוש לקרים, נראה שעל הזמן הזה בעצמו הוא רומז, ובשנת זו הוא ר"ז בא הגולה עם הרב ר' משה בע"ס אוצר נחמד. וכן נראה ממה שאמר, ועוד נוסף עליהם, היינו על הבאים מקצוי ארץ אחרי שנלכדה כפא, ע"י שולטן מחמד, — וטעה איפוא בזה בשתים, א) שהרב בעל ספר אוצר נחמד, נולד בשנת ר"ט, וכתב ספרו בשנת רע"ד רע"ה, כמו שהביא בעצמו את פרטי השנים האלה בספרו בסוף פרשה אמור וז"ל

* באו אנשים

1) [עס קען זיין אַז דיא כוונה פֿון ר' דוד ליחנו איז אָפּ'ן אַלגעמיינעם גלות פֿון ספרד וואָס עס איז געווען אין יאָהר מור"ה רנ"ב וואָרום אַלע גרושים וואָס איז געווען ביז דעם יאָהר האָט נאָר בעריהרט איינציגע שטעדט, אָבער דער לעצטער איז דער שווערסטער, וואָרום עס איז ניט געבליבען אַ יודישער וואָרצעל אין ספרד, און אַט דעם גלות רופֿען אָהן דיא שרייבער גלות ספרד (שפּניא).

1) יתכן שכוונתו של הרד"ל אל גלות ספרד הכולל שהיתה בשנת מור"ה (רנ"ב) כי כל הגרושים שהיו עד השנה ההוא לא נגעו כי אם באיזה ערים ובאיזה מחוזות וזה האחרון הכביר כי לא השאיר שורש לבני ישראל בספרד והגלות הזאת נודע בפי הסופרים על צד היתרון בשם גלות ספרד המו"ל].

וז״ל, ויפה נשים פירוש סתימות פרשה אמור ליל ב׳ י״ו לכסלו שנת האלהים הרע״ה אותי וכו׳ והיה זה ביום שנולדתי בו, כי היה יום מולדתי ט״ו לכסלו שנת ר״ט, ועתה החייני אלהי ואני בשנת ס״ו בשנת רע״ה ישראל האזינה, והוא ברחמיו יחייני ויביאני אל הר קדשו ושם תהיה קבורתי, א״ס ע״כ, ואיך הגלה הרב הזה בשנת ר״ז שנתים לפני הולדו? וכבר נמצא בשרון על הכרמל נומר 5, שהרב ר׳ משה הזה הנקרא הגולה, גלה מארץ מולדתו ליטא ומעיר לידא בשנת הרס״ו ועל שם זה נקרא הגולה, ומכל זה לא ידע בעל החוניא, ובלי ספק לא ראה גם את הספר אוצר נחמד ולא את תקנותיו שמבואר שם שתקנם בשנת הרע״ח כמו שלא ראה את בית הכנסת בעיר כפא, וכתב דבריו רק על פי השערה וממנו ראה וכן עשה אחיו המעברי, כמהר״ר אליעזר ליחנו בהר״ר יששכר בהגיהו את הסדור לאחיו הנדפס בעיר קאלע ראשונה בשנת השקיפ״ה לפ״ג, וז״ל בהקדמתו הרב הכולל כמהר״ר משה הגולה זצוק״ל היוצא מגלות כיוב, וכו׳, ב) כפי שנודע לנו אחרי העיון לא היה גרוש כלל בשנת ר״ז מעיר קיוב, כי שלשה גרושים היו בזמנים שונים, הראשון ליהודי כזר בימי הדיכוס וולאדימיר מינומאך בשנת 1124 (קאראמזין ח״ב) ובין המגורשים היה ר׳ יעקב בן שלמה חד מבני מקרא אשר היה בקיוב ובסטארידוב, וקהלות היהודים בשתי הערים האלה היו מפורסמות לתהלה בפי כל היהודים ויושבי הארץ, ועליהם אמרו המושלים, כי מקיוב תצא תורה

געווארען א פירוש אויף פרשה אמור, די נאכט ב׳ י״ו לכסלו שנת האלהים הרע״ה אותי וכו׳, און דאס איז געוועזן אין מיין געבורטס טאג, ווארום איך בין געבוירען געווארען ט״ו לכסלו שנת ר״ט, און גאט האט מיך געלאזט לעבין, און איך בין אלט 66 יאהר, אין יאהר רע״ה ישראל האזינה, און ער מיט זיין רחמנות זאל מיך לאזען לעבין, און זאל מיך ברענגען צו זיין היליגען בארג, און דארט זאל זיין מיין קבר אמן סלה, ע״כ פרעגט זיך ווי אזוי איז ער פערטריבען געווארין אין יאהר ר״ז, 2 יאהר פאר זיין געבוירען? און שוין לאנג האט מען מודיע געוועזן אין שרון אויפ׳ן „כרמל״ נומער 5, אז דער דאזיגער רב ר׳ משה וואס רופט זיך הגולה איז ער פאר טריבען־געווארען פון זיין געבורט־לאנד ליטא פון זיין געבוירענע שטאדט לידא, אין יאהר ה׳ רס״ו, און אויף דעם נאמען פון דעם יאהר רופט מען איהם הגו״לה (באטרעפט 66) און פון דאס אללס האט דער בעל החוניא גאהר ניט געוואוסט, און עס איז אן ספק אז ער האט גאר ניט געזעהן דעם ספר „אוצר נחמד״, און ניט זיינע תקנות, וואס זענען דארט, וואס ער האט זיי מתקן געוועזן אין יאהר ה׳ רע״ח, אזוי ווי ער האט ניט געזעהן די שוהל אין דער שטאדט כפא, און האט געשריבען אלע זיינע רייד נאר אזוי זיך פארגעשטעלט (משער געוועזן), און אזוי האט נעטאהן זיין ברודער המעברי כמהר״ר אליעזר ליכנו בהר״ר יששכר ווען ער האט מגיה געוועזן דיא סדורים וואס זיינע ברודער די רבנים האבען געדרוקט אין דער שטאדט קאלע, אין יאהר השקיפ״ה לפ״ג, און אזוי איז דער לשון אין זיין הקדמה, הרב הכולל כמהר״ר משה הגולה זצוק״ל וואס איז ארויס פון גלות קיוב, ב) ווערליג מיר ווייסען נאכען נאכזוכען איז גאהר קיין גרוש ניט געוועזן פון קיוב, אין יאהר ר״ז, ווארום 3 גרושים זענען געוועזן אין פערשידענע צייטען, דער ערשטער אויף דיא כוזרישע יודען אין די טעג פון דעם דוכוס וולאדימיר מונומאך, אין יאהר 1124, (קאראמזין 2־טע טהייל), און צווישען דיא פערטריבענע איז געוועזן ר׳ יעקב בן שלמה, איינער פון דיא קראימעס, וואס זענען געוועזן אין קיוב, און אין סטאראדוב, און דיא יודישע קהלות וואס זענען געוועזן אין דיא דאזיגע 2 שטעדט. זענען געוועזן בעוואוסטע און געליבטע ביי אלע יודישע איינוואוינער פון לאנד, אויף זיי האבען די מושלים

מושלים (גלייכרעדער) געזאָגט „כי מקיוב תצא תורה ודבר ה׳ מסטארודוב" ד״ה פֿון קיוב איז אַרויס פֿיל תורה אויף דער וועלט און דאָס גלייכען פֿון סטאַראדוב, דאָס איז געוועזן 2 שטעדט פֿון לומדים, פֿון חכמים יודישע, און דער ר׳ יעקב האָט מחבר געוועזן אַ ספר דקדוק אין שטאָדט מנגופ, אין יאָהר אַ תס״ד לשטרות 1152 און ער רופֿט זיך זעלבסט אין זיין ספר פֿון פֿער־טריבענע פֿון לאַנד רוס, און דער 2־טער גרוש איז געוועזן אין יאָהר השע״ט, 1619, און דער 3־טער אין יאָהר הת״ך, 1660, און מיר געפֿונען ניט אַז עס איז געוועזן אַ וועלכער גרוש אין יאָהר הר״ז.

ט) ר׳ דוד ליחנו שרייבט, זיי האָבען זיך דאָרט פֿערזאַמעלט אין כפא אין שוהל, און האָבען זיך צו טהיילט אין 3 כתות (קאַטאָגאָריעס), און פֿלעגין דאַבנ׳ן מיט פֿערשידענע מנהגים, מנהג אשכנז, מנהג רומנייא, און מנהג בבלי, ווי אַזוי זיי האָבען מקבל געווען (אָנגענומען) פֿון די גאונים ע״ה, און עס איז געווען קריג צווישען זיי, ביז זיי האָבען געוואָלט בויען פֿער זיך אַבזונדער שוהל, אויף די דאָזיגע זיינע רייד איז רעכט צו בעמערקען, אַ חוץ וואָס ער האָט ניט געוואוסט אָדער ער האָט ניט געוואָלט וויסען, אַז דער מנהג פֿון די אַלטע איינוואוינער יודען אין קרים איז געווען אַזוי ווי דער מנהג פֿון די רבנים יודען פֿון פרסיה, וואָס עס איז נאָך פֿערבליבען ביז היינט ביי אונזערע ברודער יודען אין קו־קז, און ניט ווי דער מנהג פֿון תפלות פֿון בבל פֿון דיא גאונים, אַזוי ווי מיר זעהן פֿון די איבערגעבליבענע תפלות, וואָס מ׳געפֿונט פֿעקוויים באַהאַלטענע האַנד־שריפֿטען, און האָט ניט דערמאַנט אַז א חוץ דיא אונטערשיעד פֿון די מנהגים און דאַבנען איז געווען נאָך אַ נאַנדער גרעסערע סבה וואָס האָט געבראַכט צו קריג, זיי האָבען זיך צו טהיילט און געקריגט וועגין אָרט צו וועלכען מעדאַבנט, די רבנישע אַלטע קרימער יודען, האָבען געדאַבנט צו דרום זייט, די פרסישע יודען אַזוי וויא דיא קו־קזער יודען צו מערב זייט, און דיא אשכנזר יודען צו מזרח זייט, איז געווען צווישען זיי אַגרויס פֿערמישונג, ווייל די שוהל אין כפא איז געבויעט געוואָרען 107 יאָהר, איידער עס זענען געקומען די שלוחים ירושלמים מיט תורת הרבנות אין קרים, און דער ארון קדש וואָס ווערט גערופֿען

היכל

תורה ודבר ה׳ מסטארדוב, ור׳ יעקב הזה חבר ספר דקדוק בעיר מנגופ בשנת אתס״ד לשטרות (1152) והוא מכנה א״ע בספרו זה מגרושי ארץ רוס, והגרוש השני היה בשנת השע״ט (1619) והשלישי בשנת הת״ך (1660) ולא מצאנו שהיה איזה גרוש בשנת הר״ז.

ט) כתב הרד״ל ונאספו שמה לביהכ״נ של כפא ונעשו חלוקים לשלש כתות והיו מתפללים במנהגות משונות מנהג אשכנזי, ומנהג רומנייא, ומנהג בבלי כפי קבלתם מהגאונים ע״ה, והיתה מריבה ביניהם עד אשר בקשו לבנות לעצמם בית הכנסת אחרת, ועל דבריו אלה ראינו להעיר, כי מלבד שלא ידע או שלא רצה לדעת כי מנהג אזרחי קרים הרבנים היה כמנהג הרבנים הפרסיים, שנשאר עד היום אצל אחינו היהודים אשר בקו־קז, ולא כמנהג תפלות הבבליים שקבלו מן הגאונים כמו שאנחנו רואים משארית פליטת תפלותיהם שנמצאו חבילות חבילות מהן בגניזות בכ״י, הנה לא זכר כי מלבד השנוי במנהגי התפלות היתה עוד סבה אחרת גדולה אשר גרמה את המחלוקת והיא, כי נחלקו על דבר הצד שאליו היו פונים בעת התפלה, הרבנים החדשים אזרחי קרים היו מתפללים לצד דרום, והפרסיים, כמו היהודים בקו־קז לצד מערב. והאשכנזים מגמת פניהם קדומה, והיה בלבול גדול ביניהם, הואיל שבית הכנסת שבכפא נבנה מאה ושבע שנים לפי ביאת השלוחים הירושלמיים עם תורת הרבנות לקרים ונעשה ארון הקדש הנקרא בשם היכל בקיר הדרומי כמנהגם

מאז

מאז ומקדם בקרים, ומכוונים בזה פניהם כנגד ירושלים דרומי מזרחי, כמש"ה והתפללו אליך דרך ארצם וכו' והבית אשר בניתי לשמך (מ"א ח' מ"ח) ובדניאל הוא אומר וכוין פתיחן ליה בעליתה נגד ירושלים (דניאל ו' י"א) 1).

והרד"ל לא ידע מזה או לא רצה לפרסם את הדבר הזה להיותו מזרע היהודים אשר בפולין, אף שהוא דבר נודע וגלוי שאפילו אחרי צאת הרבנים הקרומיים מכפא מסבות המהומות ונתישבו בעיר קראסוב, ובנו להם שם בתי כנסיות, החזיקו במנהגם הקדמון ועשו את ההיכל בקיר הדרומי, וזה אך כארבעים שנה (והיום היא יותר ממאה שנים) כאשר נתוספו היהודים האשכנזים שם ורב מספרם ובנו להם בית הכנסת שלישי בחצר ביהכ"נ, עשו בו את ההיכל בקיר המזרחי כמנהגם בארץ מולדתם, ונמצאו רוב יחידי הקהל מתפללים בבתי הכנסיות הישנים ומכוונים לדרום, ומקצת הקהל מתפלל בבית החדש העומד בין שני הישנים, ופונה למזרח, אלה מתפללים בסדורים הנדפסים בקלעא ובעזירוב כמנהג עיר קרים וכפא, ואלה בסדורי ספרד ואשכנז.

יוד) כתב הרד"ל „עד שהגאון ע"ה הג"ל הגדיל לעשות וכו', ותקן להם שמונה עשרה תקנות וכו' ובכלל התקנות וכו' שיהי' נוהגים בכל דיני הלכות שחיטה וכו' כל מקום שחולק הרב משה איסרלים על
הרב

היכל ווערט געמאכט אין דרום זייט, און זענען מיט דעם מכוון זייערע פנים'ר קעגין ירושלים, אין זייט דרומית מזרחי, אזוי ווי עס איז געשריבען אין פסוק, „והתפללו אליך דרך ארצם" וכו' זיי וועלין צו דיר מתפלל זיין צום זייט פון זייער לאנד "והבית אשר בניתי לשמך" (מ"א ח' מ"ח) און אין דניאל זאגט ער „וכוין פתיחן ליה בעליתה נגד ירושלים" דיא פענצטער עפענונג קעגין ירושלים (דניאל ו' י"א) 1): און ה' ר' דוד ליחנו האט ניט געוואלט דאס מפרסם זיין אדער ער האט ניט געוואוסט דאס דאזיגע ווארום ער קומט ארויס פון דיא פוילישע יודען, האטש דא איז באוואוסט אז אפילו נאכען ארויס פון דיא רבנישע יודען פון קרים פון דער שטאדט כפא, צו ליב דיא מהומות, און האבען זיך באזעצט אין קראסוב, און האבען זיך געבויעט 2 שוהלין האבען זיי אללס אנגענומען זייער פריערדיגען מנהג, און האבען געמאכט דעם היכל אין דרום וואנט, נאר שוין פון א יאהר 40 (יעצט איז שוין א יאהר הונדערט) ווען עס האבען זיך פערמערט אשכנזי'שע יודען אין א גרויסע צאל. און האבען זיך געבויעט א 3-טע שוהל אפ'ן שוהל הויף, האבען זיי געמאכט דעם היכל אין מזרח וואנדט, אזוי ווי זייער מנהג אין זייער געבורט לאנד, און דאס רוב יחידי הקהל דאבנן אין דיא אלטע שוהל'ן צו דרום, און איינינע דאבנן אין דער נייער שוהל, וואס שטייט צווישען ביידע אלטע, צו מזרח זייט, איינינע דאבנן אין סדורים וואס עס איז געדרוקט אין קלעא, און אין בעזירוב, נאכען מנהג פון דער שטאט קרים און כפא, און איינינע דאבנ'ן אין סדורים ספרד און אשכנז.

י) הר' דוד ליחנו שרייבט ביז דער דאזיגער גאון ע"ה האט גרויסקייט אויפגעטאהן, און האט זיי מתקן געווען 18 תקנות וכו', און אין כלל פון דיא תקנות איז אז זיי זאלען זיך נוהג זיין אין אלע דינים פון שחיטה וכו' אומעדום וואו עס קריגט הרב
משה

1) הרב החכם המופלא מוהר"ר ישו"ר הרופא מקנדיא כתב בס' מעין חתום (אשר בס' אלים) דף ע"ה וז"ל, ומכאן תבין שמצב ההיכל שבבתי הכנסיות אינו מכוון יפה ואינם מתפללים דרך ארצם שלדרים בצפון והם מערביים לא יפה עושים אותו נגד מזרח, ולא ידע החכם היש"ר
הזה

1) [הרב החכם המופלא מוהר"ר ישו"ר הרופא פון קנדיא שרייבט אין זיין ספר מעין חתום (וואס איז אין ספר אלים) דף ע"ה מיט דעם לשון פון דאנען איז צו פארשטיין אז דער ארט פון דעם היכל וואס זענען אין די רבנישע שוהלן, זענען ניט ריכטיג זיי דאבנען ניט צו דעם זייט פון זייער לאנד, דיא
וואס

משה איסרליס, אָפּ׳ן רב יוסף קארו עה״ש און שרייבט הכי נהוג ע״ב 1).

דאָס איבער זעץ פֿון דיא תקנות איז איבערגעגעבּין געוואָרען צו החכם רש״י פין דעם רעדאַקטאָר הכרמל, און דיא העתקה איז פון דיא האַנדשריפֿט פֿון החכם הרב בצלאל שטערין ז״ל וואָס ער האָט דאָס מעתיק געוועזן פֿון סדור החזניא, נאָר בעל החזניא האָט פֿערפֿעלט איינע פֿון די תקנות מיט אַ כוונה, און האָט זיא ניט דערמאַנט, אַזוי ווי עס האָט דערציילט זיין אייניקעל החכם כמהר״ר יעקב ליחנו דער רב מק״ק קראסוב, וואָס ער איז אַוועק קיין ארץ ישראל, און דאָס איז די תקנה צו מקיים זיין די אָנגענומענע הסכמה וואָס עס איז געמאַכט געוואָרען אין די טעג פֿון דיא שלוחים די ירושלמים, וואָס זיי האָבען געבּראַכט דאָס תורת הרבנות אין קרים אין יאָהר ד״א תשי״ח, אַזוי ווי עס ווערט דערמאַנט, און אויף די אַלטע תקנות אין כלל און אויף דער איבער געהויבטע תקנה, האָב איך פֿערנהייטיג אָנצומערקין נוצליכעס צו פֿערשטיין דערפֿון דיא נאַטור פֿון אונזערע עלטערין אין קרים אין פֿריערדיגע צייטען.

די

הרב יוסף קארו עה״ש וכתוב הכי נהוג ע״כ 1).

העתק התקנות הדין נמסר להחכם המוציא לאור את הכרמל, והעתק הוא מכתובת ידו של החכם הרב ר׳ בצלאל שטערן ז״ל שהעתיק בידו מסדור החזניא הנ״ל, אולם בעל החזניא השמיט תקנה אחת מן אותן התקנות בכוונה ולא זכרה כמו שספר נכדו החכם כמהר״ר יעקב ליחנו הרב דק״ק קראסוב שהסיע דירתו לא״י, והוא התקנה לקיים את ההסכמה הקיימא הנעשית בימי השלוחים הירושלמיים שהביאו תורת הרבנות לקרים בשנת תשי״ח כנזכר —; והנה כן על התקנות בכלל וכן על התקנה הנשמטת ראינו להעיר הערות שונות מועילות להבין את תכונות אבותינו בקרים בימי קדם.

אמר

---

וואָס וואוינען אין צפון און זיי זענען אַליין פון מערב טוהען זיי ניט גוט וואָס זיי מאַכען דעם היכל צו מזרח, און דער חכם היש״ר האָט ניט געוואוסט, אַז אויך דיא אַלטע רבנישע יודען אין קרים. האָבען זיך אויך אַזוי נוהג געווען, אַזוי ווי מיר האָבען דערמאַנט, אין זייער אַלטען אַ מאָהליגען מנהג, איז נאָך פון זייערע עלטערין נאָך, איידער מ׳האָט געבויעט די שוהל אין כפא, אַזוי ווי עס בעווייזען דיא צוויי פריערדיגע געבויעטע שוהל׳ן אין דער שטאָט סלע היהודים צופוטקלע, און אין דער שטאָט סולכאת (אַלט קרים) וואָס דער היכל איז אין דיא ביידע שוהל׳ן אין דרומי מזרחי].

1) !אויך דער פון זעהן מיר וויפיעל דער מסדר החזניא האָט ניט פאַרשטאַנען דיא שליסונג פון די דורות צו די יודישע חכמים, אפילו צו די נאָהנטע פון אונזער צייט, וואָרום ער האָט צו גערעכענט צום גאון ר׳ משה הגולה וואָס ער איז געוועזן נאָך זיין דעה נאָך אין יאָהר ר״ז, דיא תקנה פון מנהגי אשכנזי, אומעדום וואָס דער רמ״א קריגט אויפ׳ן בית יוסף, און ווער ווייס דאָס ניט, אַז דער הרב בית יוסף האָט צו געגרייט זיין טיש (שולחן) אין אָנהויב 4-טען הונדערט צום 6-טען טויזענד, און דער רמ״א האָט פער[illegible]ט דעם טישטוך אויפ׳ן טיש עטליכע פיל יאָהר שפּעטער. המו״ל].

הזה שגם הרבנים האזרחים בקרים נוהגים ג״כ מנהג זה, כמו שזכרנו, ומנהג אבותיהם מימי קדם בידיהם, אשר נהגו בו עוד זמן רב לפני בנין בית הכנסת בכפא, כמו שמעידים ע״ז שני בתי הכנסיות אשר נבנו זמן רב לפניו בעיר סלע היהודים ובעיר סולכאת (קרים הישנה) שההיכל בשניהם דרומי מזרחי],

1) גם מזה אנחנו רואים עד כמה לא ידע מסדר החזניא את שלשלת הדורות לחכמי ישראל גם הקרובים אלינו בזמן, כי יחס אל הגאון ר׳ משה הגולה אשר היה לדעתו בשנת ר״ז תקון מנהגי אשכנז בכל מקום שחולק הרמ״א על הבית יוסף, ומי מאתנו איננו יודע כי הרב בעל בית יוסף בנה ביתו וערך שלחנו בתחלת המאה הרביעית לאלף הששי והרמ״א פרס המפה עליו כמה שנים אחרי כן? המו״ל].

אמר המוציא לאור, הערות החכם החוקר בענינים אלה הנה עקרן, במה שנוגע אל הרשימה בדבר השילוחים הירושלמיים קנה מקומו בתוך מאמרי ובא בשרון עלה (42) ויתר הדברים יבואו עוד מצורפים אל התקנות עצמן באשר יהי' שם ובזה נשלמו דברי החכם החוקר. ועתה אשובה אל מקומי למשוך חוט חבל קורות אחינו בקרים מן הוא והלאה, ובטרם נצא מאת פני מאמרנו זה היום, אמרנו להודיע כי בעוד אנכי עסוק בסדור המאמר הזה באנו מכתב מהחכם החוקר ובו הערות רבות והשגות על קצת דברי מאמרי זה, בבקשה להדפיסם בהוספה מיוחדת, אך אנכי ראיתי כי טוב להביא דבריו המופלאים בתוך כלל המאמר ולשבצם במשבצותיו, למען לא נפריד בין הדבקים ולא יחלק המאמר לחלקים שונים, ובזה יסלח לי כבוד הארון הזה כי הכל הולך אל מקום אחד.

### השגות בעל המחבר „משא קרים" על הערות החכם החוקר וז"ל.

והנה לרגל מלאכתי עלי להראות כי נקיה הרשימה הזאת מכל חשד אף כי באיזה דברים לא יתאימו דבריה עם תולדות דברי הימים בפרט.

ראשית תפישת החכם החוקר על הקדמת החוניא היא „כי לא נשמע מעולם מהריגת דוד בן זכאי, ומזה הוציא משפט כי לא היתה כל סבה ליהודים לצאת מבבל לקרים, ומה גם כי נמצאו זכרונות ימי קדם המעידים כי היו יהודים בקרים עוד לפני חרבן בית שני, כמו המצבות בסלע היהודים והרשימות על ס"ת וכדומה, ומכל אלה לא ידע

די רעדאקטאר רעדע! — די אנמערקונג פון דעם חוקר (אלס פארשטע-ן) אין די דאזינגע ענינים איז דער עיקר דאס וואס בעלאנגט צו דער רשימה וועגען די ירושלמים שלוחים, דאס האט פערנומען אנ-ארט אין שרון אין בלאט (42) און דאס איבעריגע זיינע רייד וועלין נאך קומען צו זאמען מיט די תקנות אליין וועלבע וועלין זיין געדרוקט, דער וויל ווערט געענדיגט די רייד פון הרב החוקר קדמוניות, יעצט קערין מיר זיך אים צו אונזער ארט צו נייף ציען אונזערע ברודערס געשיכטע אין קרים, און איידער, מיר גייען ארוים פון אונזער מאמר, רעכענען מיר צו מעלדען אז אין דער צייט פון אונזער אב-געבין זיך צו מסדר זיין דעם מאמר, האבען מיר ערהאלטען אבריף פון אונזער פריינד הרב החוקר מיט אסך אנמערקונג אויף אונזער מאמר, מיט א בקשה צו דרוקען דאס אין א בעזונדער הוספה, נאר אונז געפעלט בעסער צו ברענגען זיינע וואונדערליכע זאכען אין אלגעמיין (כלל) פון אונזער מאמר, כדי עס זאל ניט צו טיילט ווערין אויף בעזונדערע חלקים, און מיט דעם וועט מיר דער הער פערצייען וויל אללס גייט פון דעם ענין אין 1 ארט.

### אב פרעגונג פון דעם מחבר „משא קרים" אויף די אנמערקונג פון הרב החוקר מיט דעם לשון.

צו ליב מיין ארבייט, וויז איך ווירייז די דאזיגע רשימה פון ר' דוד ליחנו איז, ריין פון יעדער חשד האטש אין איינינע זאכען שטימען ניט איהרע רייד מיט דער היסטאריע בפרט.

א) דאס ערשטע באנעהמונג פון הרב החוקר אויף דער הקדמה (פארעדע) פון תוניא, איז דאס וואס מ'האט קיינמאהל ניט געהערט וועגען דיא הריגה פון דוד בן זכאי, דערפון דרינגט ער אז עס איז קיין סבה ניט געוועין דיא יודען זאלען אוועק רייזען פון בבל קיין קרים, און עס איז דא גאנץ אלטע לאנגע זכרונות (אנדענקונג) וואס זאגען עדות אז יודען זענען געוועין אין קרים נאך פארען חרבן בית שני, צום ביישפיעל דיא מצבות אין צופוטקלע, און די רשימות אויף דיא ספרי


תורות

תורות, און נאך אזוינע גלייכען, און פון
דיא אלע זאכען האט ר' דוד ליחנו ניט
געוואוסט, אלזא איז פאלשע עדות פון
הרד"ל, אז פיעל פון די יודען פון פרס,
אין בבל, זענען געקומען קיין קרים, (הכרמל
דאס 2-טע יאהר זייט 345), און אייגענט-
לאך בין איך מודה אז אין אהיסטאריע האט
ער געהאט א קליינעם קראפט, דאך זענען
זיינע רייד געבויעט אפ'ן פונדאמענט פון
אמת, ווארום פון זיינע רייד זעהט מען
קלאהר אז זיין געדאנק איז ניט געווען צו
דערציילען וואס האט געטראפען די יודען
אין די פערשפרייטע לענדער, נאר ער האט
געוואלט בעווייזען אז יודען זענען געווען
אין קרים, נאך אין פריערדיגע צייטען,
און דערביי דערמאנט ער אויך אז זיי זענען
געקומען אויך פון בבל, און פרס, צוליב
פערשידענע סבות, אוממיינסטען, צו ליב
רדיפות וואס מען האט זיי געיאגט, און
וואס איז דא אזא אומרעכט, אויב ער האט
ניט געוואוסט אז דאס איז גאהר געהרג'ט
געווארען חזקיה דער אייניקעל פון ר' דוד
בן זכאי, האט ער א טעות געהאט, און
האט גערעכונט אז ר' דוד בן זכאי אליין
איז געהרג'ט געווארען, אבער דער אינהאלט
קען זיין א ריכטיגער, אפילו אז דאס האט
ניט געטראפען אין די טעג פון דוד בן
זכאי, און אפילו אז ער האט ניט געוואוסט
אז יודען זענען געווען אין קרים נאך פאר
דעם חרבן הבית, ווארום פון וואנען האט
ער געקענט וויסען? ער האט דאך נאך
ניט געזעהן די מצבה פון יאהר תש"ב
לגלותנו (6 לספה"נ).

ידע הרד"ל, וע"כ שקר ענה הרד"ל כי רבים
מיהודי פרס ובבל באו לקרים", (הכרמל
שנה ב' צד 345), והנה אם כי בעצם הדבר
הנני מודה לו כי לא רב היה כח הרד"ל
בדעת דברי הימים, בכל זאת תכן דבריו
בנוים על אדני האמת, הן מדברי הרד"ל
נראה ברור כי לא זאת היתה מגמתו לספר
קורות בני ישראל בארצות פזוריהם, רק
אבה להוכיח כי היו יהודים בקרים מימי
קדם, ובדרך אגב יזכיר כי באו מבבל
ומפרס לרגלי סבות שונות, וביחוד לרגלי
הרדיפות אשר נרדפו על צוארם, ומה כל
החרדה הזאת אם לא ידע כי נהרג חזקיה
בן בנו של ר' דוד בן זכאי וטעה לחשוב
כי נהרג ר' דוד בן זכאי עצמו? ואם כן
הלא תכן הדבר יוכל להיות אמת אף אם
לא קרה זאת בימי דוד בן זכאי דוקא, ואף
אם לא ידע כי היו יהודים בקרים עוד
קודם חרבן הבית כי מאין יכול לדעת זאת
הלא הוא לא ראה עוד את המצבה משנת
תש"ב לגלותנו (6 לספה"נ).

ב) שנית תפש את הרד"ל כי לא
היתה כל סבה לבריחת היהודים מפרס ע"י
משיח השקר דוד אל דוד, אף כי בעל
צמח דוד ושבט יהודה וכו' אומרים בפה
מלא כי היתה אז, „עת צרה ליעקב", ובלי
ספק לא על חנם הרים יד במלך, ואולי
סבלו המון תלאות ורדיפות עוד לפני
המשיח השקר הזה אשר ע"י זה חגר הרבו
על ירכו להלחם אתו להוציא את בני ישראל
לחפשי ממשא מלך פרס.

ג) וקצתם באו לעיר קרים ונתישבו
בעיר

ב) צווייטענס נעמט ער אהן דעם רד"ל אז עס איז גאר ניט געווען קיין שום
סבה דיא יודען זאלען אנטלויפען פון פרס צו ליב דעם פאלשען משיח דוד אל דוד,
חאטש דער צמח דוד און דער שבט יהודה א' ד' ג' זאגען מיט'ן פולען מויל אז עס
איז דאמאלס געווען אן־עת צרה ליעקב, און ניט אומזיסט האבען זיי אויפגעהויבען
אהאנדט אין דעם מלך, פילייכט האבען זיי זייער געליטען פיל צרות, און רדיפות
נאך פארען פאלשען משיח. און צו ליב דעם האט ער אנגעטאהן א שווערד צו מלחמה
האלטען מיט איהם, צו בעפרייען דיא יודען פון די גרויסע לאסט פון דעם
מלך פרס.

ג) „און אייניגע זענען געקומען וואוינען אין קרים, און האבען זיך באזעצט
אין

בעיר כפא בזמן הלועזים" ע"ז תפש אותו, כי הבאים מארץ פרס וקרים באים ראשונה לעיר מטרבא היונית היא „תאמן", אף כי כלנו ידעים כי יש דרך מפרס לקרים דרך קאסטאנטינאפאל, ואז על הנוסע לבוא לעיר קרים (סולכאת) ראשונה, ומאין ידע כי באו דרך מטרכיא ובאספאר (קערטש) ? ולוא יהי כדבריו גם אז אין בדבריו ממש, כי מי הגיד לו כי מקערטש נסעו על הים לסולכאת ? הלא בעת ההיא אשר כל דרכי הים הי' בחזקת סכנה, טוב טוב היה להם ללכת ביבשה מרחק חמש עשרה פרסא מקערטש לסולכאת מעבור באנית שיט עד כפא, ואחרי כן עוד ארבע פרסאות לסולכאת ביבשה ? ואך לשוא הפך את דברי הרד"ל כי כוונתו היתה כי על ידי המשיח הנ"ל באו לכפא בזמן הלועזים, (הגענואיזים) והדבר הזה הוא אמת בלי כל ספק, באשר עד זמן הגענואיזים היתה העיר כמעט חרבה ושוממה ועל תל חרבותיה עמד כפר קטן אשר יושביו החיו את נפשם מציד דגים, אכן כאשר באו הגענואיזים ויבנו את העיר מחדש, אז נהרו אליה היהודים מסולכאת, ויתקנו את בית הכנסת ההרוס, ולזכרון עולם חרתו את פרט השנה, „אלף כסף לשטרא" ממעל לארון הקדש, והרד"ל חשב כי נבנה הבית הקדוש הזה בפעם הראשונה בעת ההיא, והפרט השני הנמצא על האבן לא יכול לדעת באשר לא ידעו הקרימצאקים ממנו עד היום הזה, באשר איש לא למד בחקרי קדמוניות לא יבין

אין דער שטאָדט כפא אין דערצייט פֿון די לועזים", דערויף נעמט ער איהם אָן; וואָרום די וואָס קומען פֿון לאַנד פרס אין קרים, קומען אָהן צום ערשטין אין דער שטאָדט מטרבא, די גריכעשע דאָס איז „תאמן", חאָטש מיר אַלע ווייסען אַז עס איז דאָ אַ וועג פֿון פרס אין קרים דורך קאָנסטאנטינאָפּאָל, דאַמאָלס קומט אָן דער רייזענדער פֿריער אין דער שטאָדט קרים (סולכאת), און פֿון וואַנען האָט ער געוואוסט אַז זיי זענען אָנגעקומען דורך מטרכיא און באָספֿאָר קערטש ? און לאָז זיין אַזוי ווי ער זאָגט, איז אויך ניטאָה קיין ממש אין זיינע רייד, וואָרום ווער האָט איהם געזאָגט אַז פֿון קערטש זענען זיי געפֿאָהרען איבער'ן ים קיין סולכאת ? ווען אין יענער צייט זענען אַלע וועגין איבער'ן ים געווען אין סכנה (געפֿאַר), פֿאַר זיי איז בעסער געווען צו גיין פֿוסגאַנג איבער יבשה, אַ שטרעקע פֿון 15 מייל פֿון קערטש קיין סולכאת, איידער פֿאָהרען מיט אַ שווימענדיגע שיפֿעל איבער'ן ים ביז כפא, און דער נאָך דעם ערשט 4 מאַייל פֿוסגאַנג קיין סולכאת ? און אומזיסט קערט ער איבער דיא רייד פֿון ר' דוד ליחנו, אַז די גאַנצע כוונה זיינע איז געוועזין נאָר צו בעווייזען אַז דורך דעם דאָזיגען משיח זענען זיי אָנגעקומען אין כפא, אין דער צייט פֿון דיא לועזים (גענואיזים), דאָס איז טאַקי ריכטיג אָהן אַ שום ספק, אַז ביז די צייט פֿון דיא גענואיזים, איז דיא שטאָדט געוועזן כמעט חרב און וויסט, און אויף דעם באַרג פֿון

איהרע חרבות איז געשטאַנען אַ קליין דערפֿול, וואָס איהרע אײנוואוינער האָבען זיך געשפּייזט פֿון פֿיש פֿאַנגען, אָבער ווען די גענואיזים זענען אָנגעקומען און האָבען אויף דאָס נייע אויפֿגעבויעט די שטאָדט, האָבען זיך אין איהר אַריבער געצויגען די יודען פֿון סולכאת, און האָבען צו רעכט געמאַכט דער פֿערוויסטער שוהל, און צום אַנדענק (לזכרון) האָבען זיי אויסגעקריצט איבער'ן ארון קדש דעם פרט, פֿון דעם יאָהר „אלף כת"ר לשטרא", און ר' דוד ליחנו האָט גערעכענט אַז דיא הייליגע הויז איז ערשט געבויעט געוואָרען אין יענער צייט, און דער 2-טער פרט וואָס געפֿונט זיך אָפּ'ן שטיין, האָט ער ניט געקאָנט ריכטיג וויסען, אַזוי ווי די קרימצאַקים ווייסען ניט ביז היינט די ריכטיקייט פֿון דעם פרט, וואָרום אַ מענש ניט קיין געלערנטער און די פֿאָרשונג אַלטוויסענשאַפֿט, קען ניט פֿערשטיין, און דער קענען די ריכטיקייט

פֿון

פון דעם יאָהר פרט, און ווער ווייס צו
האָט רד"ל גאָהר געוואוסט אַז עס געפונט
זיך אַ 2-טע יאָהר שריפט.

ד) דער רד"ל שרייבט „זיי האָבען
זיך נוהג געוועזען אין זייערע תפלות אַזוי ווי
זיי האָבען מקבל געוועזען דאָרט פון די
גאונים", די דאָזיגע רייד איז דעם הרב
החוקר ניט געפעלען און אַלע זיינע ראיות
(בעווייזונג) אין דעם ענין, איז געבויעט
אויף די 9 דפים (זייטען) פון דיוואַן דער
מסדר פון די קרימצאַקעסע תפלות, און ער
האָט דאָרט געפונען איינינגע פיוטים גע-
שריבען אין אַ פערדאָרבענע שפראַך, און
דאָס איז זיין צייכען אַז עס איז געשריבען
געוואָרען אין אַ פריערדיגע לאַנגאַניגע צייט,
עס איז אמת אַז עס געפונען זיך אויך פיעל
פיוטים ביי דיא קרימצאַקים, וואָס פעלט
דער דקדוק און הגיון (לאָגיק), אָבער ניט
צו ליב דעם זענען זיי זייער פריענדיגע פון
אַ מאָהליגע צייטען, דאָס ווייזט אָפען אַז
יעדער מענש וואָס האָט נאָר געקענט נעמען
אַ פען אין האַנד, האָט געשריבען שירים
און פיוטים, און דאָס רוב זענען זיי אָנגע-
נומען געוואָרען אין זייערע תפלות, אומ-
ווייניגסטען האָבען זיי דאָס אויך געטאָהן
מיט חכמה, וואָרום אין אַלע זייערע שירים
האָבען זיי געחתמה'ט זייערע נעמען, אין
די אָנפאַנגס חרוזים, און אַזוי קענען מיר
בעגרייפען די נאַטור פון זייערע פאָעטין
(משוררים) און זייערע נעמען, אָבער דער
עיקר נוסח התפלה, איז נוסח הגאונים אָן
ספק, נאָהר אין די לעצטע צייטען האָבען
זיי צו גענעבין אויף די נוסחאות רומנייא,

יבין ולא יכיר שמה את פרט השנה, ומי
יודע אם ידע ממציאות הכתבה השניה?.

ד) כתב הרד"ל „והיו נוהגים
בתפלותיהם כמו שקבלו שם מהגאונים",
הדברים האלה לא ישרו בעיניו וכל ראיותיו
בענין זה נבנו על התשעה דפים מהדיוואן
מסדר תפלת הקרימצאקים אשר מצא שם
איזה פיוטים כתובים בשפה נשחתה, וזה
האות כי נכתבו בזמן קדום, ואמת הוא כי
נמצאו פיוטים רבים אצל הקרימצאקים
חסרי דקדוק והגיון, אבל לא בעבור זאת
הנם קדומים מאד, כי זה נראה רק בעליל,
אשר כל איש אשר היתה לאל ידו לתפוש
עט בכף כתב שירים ופיוטים, ורובם נתקבלו
בתפלותיהם, ולמצער גם זאת עשו בחכמה
כי בכל שיריהם חתמו את שמותם בראשי
החרוזים, ובכן נוכל לשפוט על שמות
ותכונות משורריהם, אבל עיקר נוסח התפלה
הוא נוסח הגאונים בלי ספק, רק בימים
האחרונים הוסיפו בו גם מנוסח רומניה
ספרד ואשכנז, וכן מצאנו מפורש בהחזניא אשר
הכותב הוסיף בו איזה פיוטים לבקשת
היהודים האשכנזים הנמצאים ביניהם,
ולבד זאת נמצאו המון עלים מפוזרים בכ"י
מסדורי תפלות עתיקים מאד ומלאים מאמרי
התלמוד והמדרשים על כל שעל ושעל,
ובכל זאת נמצאו ביניהם גם שירים יקרים
מגדולי ישראל בימי קדם,

ה) כתב הרד"ל וכאשר נלכדה עיר
כפא וכו', הן לוא יהי כדבריו כי טעה
בשם או בתואר מחמד, הלא לא כתב
תולדות מחמד בזה, ואילי חשב כי תואר
אחד

ספרד, אשכנז, און אַזוי איז אַרויס גערעדט אין חזניא, אַז דער שרייבער האָט מוסיף
געוועזען איינינגע פיוטים, נאָכען פערלאַנגען פון דיא יודען אשכנזים, וואָס האָבען זיך
צווישען זיי געפונען, אויסער דעם געפונט זיך זייער פיעל בלעטער האַנדשריפטליכע
סדורים זייער אַלטע, אין פיל פון מאמרים פון תלמוד, און מדרשים, אויף יעדער
טריט, דאָך געפונט זיך צווישען זיי אויך טהייערע שירים פון גדולי ישראל פון
אַמאָהליגע צייטען.

ה) דער רד"ל שרייבט „ווען די שטאָדט כפא איז איינגענומען געוואָרען א"א ו"ו" —
לאָז זיין אַז ער האָט אַ טעות געהאַט אין נאָמען, אָדער אין טיטול מחמד, ער האָט
דאָך אָבער דאָ ניט געמיינט שרייבען דיא היסטאָריע, אָדער ער האָט גערעכנט אַז
עס

אחד למלכי תוגרמה וקדר, וכן נזכרו שניהם יחד בסדר התפלה בברכת מי שברך וזכרונם בזה"ל , „ויגדל *וינשא למעלה את אדוננו הסולטאן (פלוני) ואדוננו המלך גראייכאן" , ומי לא ידע זאת, כי למיום אשר בא מחמד לקרים היו מלכי התתרים משועבדים לסולטאן תוגרמה .

ו) כתב הרד"ל באו אנשים רשומים והמה הכמים מחוכמים מקצוי ארץ , קודם שבאו גלות ירושלים אשר בספרד לקונסטאנטינא, ועל זאת התפלא הפלא ופלא הלא מגירוש ספרד באו לקוסטאנטינא בשנת הרב"א (לפי דבריו) והעיר כפא נלכדה בשנת הרל"ה , ואיך כתב הרד"ל שעם כבישת כפא באו מספרד וכו׳ ? ומדוע לא הזכיר שמות החכמים אשר באו ? אכן האיש אשר עינים לו יראה כי רק תואנה בקש , הן כלנו נדע כי הגירוש הכולל בספרד היה בשנת הרנ"ב, וא"כ קרה זאת אחר כבישת כפא , אף כי יוכל להיות כי דעתו על גירוש אחר, כי לא רק פעם אחת נגרשו היהודים מספרד, ומתחלה בעלילה בא עליו כי איה זכר הרד"ל שעם כבישת כפא באו? הלא כדברים ברורים כתב כי באו חכמים מקצוי ארץ קודם שבאו גלות ירושלים אשר בספרד לקוסטאנטינא , ולא הודיע לנו אם קרוב קודם הגירוש באו או לא, וא"כ יוכל להיות כי היה זאת שלש מאות שנה לפני הגירוש הכולל ? והעד לזה כי כתב הלאה „ועוד נוסף עליהם שהיה גרוש כולל בקהלות של רוסיא" וזה

היה

עס איז 1 ביי נאמען צו אלע תרקישע און קדרישע מלכים , און אזוי ווערין זיי טאקי דערמאנט ביידע צו זאמען אין סדר התפלה אין ברכת מי שברך , מיט דעם לשון „ויגדל וינשא למעלה את אדוננו הסולטאן (פלוני) ואדוננו המלך גיראייכאן" ער זאל דער גרייסט און דערהויבען און דער הויכט ווערין , אונזער האר דער סולטאן, און אונזער האר דער קעניג גוראייכאן , און ווער וויים דאס ניט אז פון דעם טאג זינט מחמד איז געקומען קיין קרים , זענען די תתרישע קעניגען אונטערטעניג געווארען אונטערין תרקישען סולטאן.

ו) דער רד"ל שרייבט „עס זענען געקומען געצייכענטע מענשין און זיי זענען גרויסע הכמים פון עקין וועלט איידער עס זענען געקומען די גלות ירושלים, יודען פון ספרד אין קונסטאנטינא , און דעריף וואונדערט ער זיך מיט גרוים וואונדער , דען פון ספרד (איספאניא) זענען זיי געקומען קיין קונסטאנטינא אין יאהר הרכ"א (נאך זיינע רייד) , און די שטאדט כפא איז איינגענומען געווארען אין יאהר הרל"ה הייםט ווי אזוי שרייבט הרד"ל אז מיט דאס איינגעמונג כפא זענען זיי געקומען פון ספרד ? און פאר וואס דערמאנט ער ניט די נעמען פון די חכמים וואס זענען געקומען ? אבער דער מענש וואס האט אויגען זעהט ער אז ער זוכט דא מעהר ניט ווי א בלבול , דען מיר אלע ווייסען אז דער אלגעמיינער גרוש , דאס ארוים טרייבען יודען פון איספאניא , איז געוועזען אין יאהר הרנ"ב , אויב אזוי האט דאס געטראפען נאכען איינגעמען כפא , חאטש עס קען זיין אז ער מיינט אויך אויף אן=אנדער גרוש , ווארום ניט 1 מאהל זענען די יודען ארוים געטריבענגעווארען פון ספרד , און גאהר פון אנפאנג האט ער אויף איהם א בלבול געזוכט , ווארום וואו ווערט דערמאנט פון רד"ל אז מיט דאס איינגעמונג פון כפא זענען זיי אנגעקומען ? ער שרייבט דאך מיט קלאהרע רייד , אז פון עקין וועלט זענען געקומען חכמים נאך איידער עס זענען געקומען די גלות ירושלים יודען פון ספרד אין קוסטאנטינא , און ער האט אונז ניט געגעבין צו וויסען ריכטיג , צו פריער פארין גירוש זענען זיי געקומען , אדער ניט , קען דאך זיין אז דאס איז געוועזן 3 הונדערט יאהר פארען אלגעמיינעם גירוש (כולל) א בעווייז צו דער צו , וואס וויטער שרייבט ער אז „עס איז געוועזן א גירוש כולל אין דיא קהלות פון רוסלאנד".

און

אין דאס איז אין דיא טעג פון קניאז וולאדימיר מאנומאך, אין יאהר 1124 נאך קריסטוס, וואס עס שרייבט דער רוסישער שרייבער (קאראמזין), און דאס וואס ער דערמאנט ניט דיא נעמען פון דיא חכמים איז גאר ניט קיין וואונדער, ווייל זיין כוונה איז ניט געוועזען צו שרייבען א היסטאריע בוך, ער דערמאנט מעהר ניט פערביי־גייענדיג, און לאז זיין אז ער האט ניט געוואוסט זייערע נעמען, האט ער אויך מיט דעם ניט געזינדיגט קעגין דעם אמת, עס איז זייער א גרויס וואונדער אפ'ן חכם ר' שמואל יוסף פין, ווי אזוי האט ער ניט געפילט אז הרב החוקר האט געזוכט צו פארשטויסען די הקדמה, (פאררעדע) מעהר ניט צו גרייכען זיין באגער, צו ווייזען זיין שארפע קענטעניס צו מבטל זיין יענעמס רייד.

ז) רד"ל שרייבט עס האט זיך נאך אויף זיי פערמערט, ווייל עס איז געוועזען א גירוש כולל וכו', פרעגט הרב החוקר דערויף ר' משה הגולה איז דאך גאהר געבוירענגעווארען אין יאהר ר"ט, און אין קרים איז ערשט פערטריבען געווארען אין יאהר הרס"ו, הייסט אויב ער איז געוועזען פון די גולי קיוב, איז דאך גאר יענעם יאהר קיין גירוש ניט געוועזען אין קיוב? נאר באמת איז ניט דאס דער געדאנק פון דעם שרייבער, דער תכלית פון זיין ספור איז נאר צו דער צייל׳ען, אז עס זענען געקומען יודען אין קרים, און צווישען זיי חכמים פון פערשידענע ערטער, און דערויף זאגט ער „אז עס האט זיך אויף זיי פערמערט נאך" דאס הייסט חוץ די ערשטע וואס זענען געקומען פון גירוש קיוב, און נאך ערטער, זענען צווישען די פערטריבענע אויך געוועזען הרב ר' משה הגולה, און אין אלטע געשריבענע סדורים פון קרימצאקים, געפונט זיך צווישען די זמירות למוצאי שבת געשריבען מיט די ווערטער" ווייל עס איז פאראנן צווישען אונז איינינע מענשין פון קהלות אשכנז וואס פיהרען זיך נאך הייגט אזוי ווי זייערע עלטערין האבען זיך געפיהרט צו זאגען די שירים, און האבען אונז געבעטין, האבען מיר זיי דא אריין געשריבען, עס זאל גאר ניט פעלען, און דאס איז אויך א בעגלייבטער צייכען, אז אין אלע צייט, איז צווישען זיי געוועזען יודען פון אלע לענדער.

ח) רד"ל שרייבט אז זיי האבען זיך פערזאמעלט אין שוהל אין כפא, און זענען

געווארען

היה בימי הנסיך וולאדימיר מאנומאך בשנת 1124 (ע"פ הסופר הרוסי קאראמזין). ואת אשר לא הזכיר את שמות החכמים לא יפלא מאומה. יען כונתו לא היתה לכתוב ספר דברי הימים בפרט, והזכיר זאת רק בדרך אגב, ולו יהי כי לא ידע אותם בשם, גם אז לא חטא בזה אל האמת, ונוראות נפלאתי על החכם רש"פ איך לא הרגיש כי השתדל לדחות את ההקדמה הזאת בקש רק למען הפיק חפצו להראות חריפתו ובקיאתו לבטל דבר זולתו.

ז) הערה ח' כתב הרד"ל ועוד נוסף עליהם שהיה גרוש כולל וכו', וע"ז שאל הלוא ר' משה הגולה נולד בשנת ר"ט וגלה לקרים בשנת הרס"ו, ואם הוא היה מגולי כיוב, הלא בשנה ההיא לא היה שום גרוש בכיוב? אולם באמת לא זאת דמה הכותב, הן תכלית ספורו היא רק לספר כי באו יהודים וביניהם חכמים ממקומות שונים, וע"ז יאמר „ועוד נוסף עליהם" ר"ל מלבד הראשונים אשר זכר באו עוד מגירוש כיוב, ובין המגורשים בכלל בא גם הרב ר' משה הגולה, וא"כ אין כאן לא דובים ולא יער, ובסדור תפלות יהודי קרים בכ"י מצאנו בין הזמירות למוצש"ק כתוב „ולפי שיש בינינו קצת מאנשי ק"ק אשכנזים נוהגים עדיין מעשה אבותיהם בידיהם לומר שירים כפי הנהוג ביניהם, ולהפצרת השואלים כתבתים פה כי לא תחסר כל בה" גם זה אות נאמן הוא כי בכל עת הי' ביניהם יהודים מארצות שונות.

ה) הערה ט' כתב הרד"ל ונאספו

שמה

שמה לביהכ"נ של כפא ונעשו חלוקים לשלש כתות, והיו מתפללים במנהגות משונות מנהג אשכנזי ומנהג רומניה ומנהג בבלי כפי קבלתם מהגאונים עה"ש, וע"ז העיר כי לא התפללו מעולם כמנהג הגאונים, אכן כל אשר עינים לו יראה כי אך לאחוז את העינים חפץ, הן החזוניא בב"י הנמצא מלבד המון עלים לאלפים מסדורי תפלותיהם העתיקים הנמצאים בב"י, יענו כי באמת התפללו במנהגים אשר זכר הרד"ל, כאשר יש לאל ידינו להראות לכל אשר עינים לו, וארון הקדש בקיר הדרומי, הוא אצל כל היהודים בארצות המזרח, ומי לנו עד יותר נאמן מהחוש? ומדוע לא הראה לנו את המקור לדעתו כי היהודים התפללו בנוסח אחר? האם נאמין לו על דברתו?.

ט) הערה י' כתב הרד"ל עד שהגאון ע"ה הנ"ל הגדיל לעשות וכו' ותקן להם שמונה עשרה תקנות וכו', וע"ז התאונן כי השמיט תקנה אחת בכונה, והוא לקיים את ההסכמה הקיימא הנעשית בימי השלוחים הירושלמיים שהביאו תורת הרבנות לקרים בשנת תשי"ח לאלף החמישי, כפי שספר לו ר' יעקב ליחנו אשר נסע לארץ ישראל; ועל זאת נשאלהו מי השמיט את התקנה ההוא? האומנם ר' משה הגולה? ומאין ידע זאת ר' יעקב ליחנו דוקא אשר נסע לארץ ישראל? מדוע לא ידעו זאת אחרים? האומנם יכתוב רב אשכנזי בסדר התפלה את התקנה אשר על פיה אסור להתחתן עם הקרימצאקים? ומה גם איש כ"ר משה הגולה אשר היה לפי הנראה איש מעשה ומקנא לדתו, ההוא יתחבר עם הקרימצאקים לוא ידע ע"פ התקנה כי יוצאי ירך הקראים המה? אכן שקר הדבר מעיקרו כי

געוואָרען צו טיילט אין 3 כתות, יעדער כתה האָט געדאַבנ'ט מיט אבעזונדער נוסח, אַזוי, אַז עס איז דאָרט געווען נוסח אשכנז, ומנהג רומניא, ומנהג בבלי, אַזוי ווי זיי האָבען מקבל געווען פון דיא גאונים עה"ש, און דערויף בעמערקט הרב החוקר אַז זיי האָבען גאָר קיינמאָהל ניט געדאַבונט נאָכען מנהג הגאונים, אָבער דער וואָס האָט אויגען, זעהט ווי אַזוי ער האָט געוואָלט די אויגען פערשטעלען, וואָרום דאָס געשריבענע חוניא וואָס געפונט זיך אין זייער פיל אַלטע תפלות וואָס לייקענען איהם אָב, און ווייזען באמת אַז זיי האָבען געדאַבונט מיט די מנהגים וואָס רד"ל דערמאַנט, און דאָס וואָס דער ארון קדש איז אין דרום וואַנט, איז די זעלבע ביי אַלע יודען אין די מזרח לענדער, און וואָס איז נאָך אַ גרעסער בעווייז ווי דאָס וואָס מען פילט (חוש)? און פאַר וואָס האָט ער אונז ניט געוויזען דעם קוואַל פון וואַנען ער נעמט זיין דעה, אַז די יודען האָבען געדאַבונט מיט אַנ-אַנדער נוסח, צו דען זאָלען מיר איהם גלויבען נאָר אָפּ'ן וואָרט?.

ט) רד"ל שרייבט ביז דער דאָזיגער גאון האָט גרויס אויפגעטאָהן א' ז' וו', און האָט זיי געמאַכט 18 תקנות א ז וו', דערויף בעקלאַגט זיך הרב החוקר אַז מיט כוונה האָט ער 1 תקנה איבערגעהיפּט דאָס איז די תקנה צו מקיים זיין די הסכמה וועלכע עס איז געמאַכט געוואָרען אין די צייט פון די שלוחים ירושלמיים וואָס זיי האָבען געבראַכט די תורת הרבנות אין קרים אין יאָהר תשי"ח לאלף החמישי, ויעצט איז תר"ע לאלף הששי איז 952 יאָהר זונט עס איז אָנגעקומען תורת הרבנות (תלמוד) אין קרים) אַזוי ווי עס האָט איהם דערציילט ר' יעקב ליחנו וואָס איז אַרויס געפאָרען קיין ארץ ישראל, דערויף איז צו פרעגען ווער האָט איבער געהיפּט די תקנה? און פאַר וואָס ווייסען פון דעם קיינער נאָר 1-נער וואָס איז אַרויסגעפאָרען אין ארץ ישראל? און ווידער אַזאַ מענש ווי ר' משה הגולה, וואָס ער איז געווען ווי עס ווייזט אויס אַן-אַרבייט מענש פאַר יודען, און פאַרען דת, זאָל ער זיך באַהעפטען מיט קרימצאַקעס ווען ער ווייס אַז זיי קומען אַרויס פון קראַימעס?! נאָר אָבער דאָס איז אַ פאַלש, וואָרום עס איז

קיין

קיינמאהל ניט געשריבען געוואָרען אזא תקנה, א בעוויין איז די סדורים תפלות וואס זענען געשריבען געוואָרען און געדרוקט געוואָרען נאָך פאַר רד"ל (ר' דוד ליחנו), און נאָך איהם, און עס געפונט זיך ניט קיין זכר פון דעם, ווי באַלד אַזוי איז ניט געווען וואָס איבער צו היפען, און הרב החוקר האָט געדאַרפט ברענגען אַ בעגלויבטען צייכען אַז די תקנה געפונט זיך באמת נאָך פאַר ר' דוד ליחנו, און ער האָט זי דער נאָך איבערגעהיפט.

ספרי תורות ביי די יודען און קרים.

אין דער שטאָדט קראַסובאַזאַר אין שוהל ביי די קרימצאַקעס, געפונען זיך איינינע ארונות נעבען ארון קדש, און ווי עס ווייזט אוים, זענען זיי געמאַכט געוואָרען ווען מ'האָט געבויעט דיא שוהל, מיט דער כוונה, אַז מ'זאָל דאָרט אַריין שטעלען די פסול'ה ספרי תורות, און אַזוי געפונט זיך דאָרט יעצט ביי הונדערט ספרי תורות, דער גרעסטער חלק פון זיי זענען געשריבען אויף פעל, און דאָס איבעריגע אויף פאַרמעט, פיל פון זיי זענען די ליניען פון אויסווייניג, איינינע זענען געשריבען מיט תגין, אויף די אותיות שעטנ"ז ג"ץ, אַזוי ווי דער דין, און איינינע פון זיי זענען אָהן תגין (פאַסקעליך), און עס געפונט זיך אין זיי פיעל אונטערשידען, און אַ ביסעל פון זיי זענען מיט טעת'ן פון סופר, די גרויסע אותיות אין וואָרט „הכ'זונה" און „ח'כלילי" ה'לה', אָדער דיא קליינע אותיות אין ויקרא', קצתי', לבכ'תה, וכו' געפינט זיך באָר אין איינינע פון זיי, דיא פערענדערונג דאָס רוב, איבעראַנדערשין ניט-די כוונה, דיא יריעות זענען צונויף גענעהט מיט גידין, (אָדערין) דיא אותיות זענען 4 קאַנטיגע, אונז שיינע אין געשטאַלט, אַזוי ווי געדרוקטע, זיי האָבען אָבער קיין גלייכען ניט צו די אתיות וואָס איז היינט אין אונזערע ספרי תורות, דער אות ח' איז ניט בעהעפט פון 2 זיינ'ן מיט אַ דעכיל פון אויבען אַזוי ווי ביי אונז, נאָר אָבער אַ גרויסער אונטערשיעד איז צווישען דיא אותיות וואָס זענען אין די ספרי תורות, צו די אותיות וואָס זענען אין די ספרי תנ"ך וואָס געפונט זיך ביי זיי, הייבען זיך אָהן דיא פתוחות פון אַנפאַנג שירה, און די סתומות אין מיט'ן שורה.

כי מעולם לא נכתבה תקנה כזאת, ועדים המה סדורי תפלה אחרים בכתיבת יד ובדפוס קודם הרד"ל ואחריו אשר לא נמצא כל זכר לה, ואם כן לא היה לו מה להשמיט, ועל החכם החוקר היה להביא אות נאמן כי נמצאה התקנה באמת קודם הרד"ל והוא השמיטה אחרי כן.

ס"ת ליהודי קרים.

בעיר קראסוב אצל הקרימצאקים נמצאו איזה ארונות עץ אצל ארון הקדש בביהכנ"ס, אשר לפי הנראה נעשו כן בכוונה בהבנות הבית למען יעמידו שם את ספרי התורות הפסולים, ובכן נמצאו שמה בעת כמאה ס"ת, החלק היותר גדול מהם הנם כתובים על עור והנשארים על קלף, על רבים מהם השרטוטים הם מבחוץ, מהם נכתבו בתגין על האותיות „שעטנ"ז ג"ץ" כדין, ומהם בלי תגין, ונמצאו בהם שנוים רבים ומעט מהם על פי טעות הסופר, האותיות הגדולות במלות הכ'זונה ה'כלילי ה'לד' או הקטנות במלות ויקר"א קצתי" לבכ'ותה וכו' מצאתי רק באיזה מהם השנוים על פי רוב לא ישנו את הכוונה, היריעות נתפרו בגידין, ווי העמודים לא מצאתי, האותיות הנן מרובעות ויפות כתבנית אותיות הדפוס, אבל אין להם דמיון עם האותיות בספרי תורתנו כעת, האות ח' איננו מחובר משני זי"ן וגג עליהם מלמעלה כאצלנו, אבל הבדל גדול יש בין האותיות בס"ת לאותיות בספרי תנ"ך הנמצא בידיהם, הפתוחות תתחילנה מראש השורה והסתומות מאמצע השורה.

אצל

ביי

אצל הד"ר החוקר הרכבי נמצא רשימה משנת קל"ו לאלף הששי כי בעיר סולכאת מכר ר' אליה בנו של ר' אברהם המכונה בוגאה איברהים נ"ע ביום שני אחד ועשרים לחדש שבט לר' אליה הכהן בר מ' צדוק הכהן נ"ע עשרים וארבעה ספרים של תנ"ך מורישתו שנחל מאבותיו בעד שלש מאות ושבעים וחמשה כסף ממטבע קרימי כסף נקי ועל החתום לעד נוכל לקרות רק „יעקב בר שלמה" והנשאר נמחק.

אם אמנם קשה מאד להראות את החכמים אשר נולדו על ברכי יהודי קרים בימי קדם, אכן זאת נוכל להחליט עכ"פ, כי במשך אלפי שנה היו ביניהם חכמים אף כי לא זכינו לדעתם, והאות על זאת כי נמצאו ביניהם המון ספרים כ"י עתיקים מאד אשר לא נמצא כמוהם בין עדה קטנה כזאת מישראל בעולם, ובכלל נראה כי לא חסרו ליהודי קרים אף אחת מהידיעות אשר נודעו לכל המון בית ישראל בכל ארצות פזוריהם, ומי אפוא אסף את המון הספרים האלה אם לא יודעי דעת?, ועוד רואים אנחנו כי כל דבר חדש הנוגע לדת ולאום ישראל אשר נתחדשו בארצות רחוקות עשו להם כנפים ויעופו גם עד קרים, ואם לא היה ביניהם חכמים רבים כחכמי ספרד או צרפת, הלא הוא יען מספרם היה קטן מאד, ובא האות על זאת כי למיום אשר עזבו כל בני ישראל את הפרט לשטרות והחלו למנות ליצירה עשו כן גם יהודי קרים, כאשר נתפרסם המנהג בין היהודים לברך את הנפטרים בברכת המתים, התנהגו כן גם יהודי קרים, וכאשר נודעה המסורה בעולם

